STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06523

ALA GOLOMB-GRINBERG

Jonas Turkow

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג

אַלאַ גאָלאָמב אין געטאָ, וואַרשע, 1942

יאָנאַס טורקאָוו

אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג

די קראַנקנשוועסטער אין וואַרשעווער געטאָ

ארגון יוצאי מלאָבה בישראל
פאַרבאַנד פון מלאַווער אין ישראל

צוגעגרייט צום דרוק: י ע ק ב אַ ל ט ע ר

אַדרעס פון ארגון:
ת ל־א ב י ב, רחוב רמז 35

כל הזכויות שמורות
נדפס בישראל בשנת תש"ל / 1970
דפוס "עופר", תל־אביב

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צום גוטן
דער נאָמען פון אַלאַ גאָלאָמבס יינגערע שוועסטער,
ב ת י ה ־ ב אַ ש אַ ג אָ ל אָ מ ב, ז״ל,
וואָס אַ דאַנק איר דערמוטיקונג און מיטהילף איז דאָס בוך דערשינען.

ב אַ ש אַ ג אָ ל אָ מ ב, לאַנגיעריקע לערערין און פּעדאַגאָגין אין פּוילשן און ישראלדיקן שול־וועזן, האָט קאָנטינואירט די טראַדיציע פון דער באַקאַנטער מלאַווער משפּחה פּעדאַגאָגן גאָלאָמב.

געשטאָרבן דעם 3־טן יוני 1968, נוף־ים.

פאַרוואָרט

25 יאָר נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אין מדינת ישראל באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון איינער פון די העלדישסטע יידישע פרויען — די הויפט־קראַנקנשוועסטער פון וואַרשעווער געטאָ — אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.

די דאָזיקע אומדערשראָקענע יונגע פרוי האָט, ביז איר מאַרטירער־טויט (דעם 5טן נאָוועמבער 1943), אַרויסגעוויזן אומגעהויערע מסירת־נפש און דרייסטקייט ביים דערפילן גאָר וויכטיקע אויפגאַבעס פאַר דער אונטער־ערדישער באַוועגונג, און הויפטזאַכלעך — ביים ראַטעווען אין וואַרשעווער געטאָ פיל הונדערטער יידן, די מערהייט פון זיי — קינדער.

פאַר דער דאָזיקער העלדישער טעטיקייט איז אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערגן צו־געטיילט געוואָרן, 25 יאָר נאָך איר טויט, אַ לויב־אויסצייכענונג, און איר נאָמען איז אַריין אין פאַנטעאָן פון אונדזערע העלדן, וואָס זענען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעקומען אין נישט גלייכן קאַמף מיט די נאַציס.

אין אונדזער ברייט־פאַרצווייגטער חורבן־ליטעראַטור ווערט אַ סך פלאַץ אָפּגעגעבן אַרויסצוברענגען אַלע אַספּעקטן פון יידישער גבורה אין די יאָרן פון דער היטלער־אָקופּאַציע.

עס ווערן, צווישן אַנדערן, איבערגעגעבן פּרטים וועגן די יחידי־במינו און זייערע העלדישע מעשים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די מלחמה־יאָרן 1939—1945 אין קאַמף קעגן דייטשישן אָקופּאַנט. עס ווערן דערמאָנט מענטשן, וואָס האָבן דערביי געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל סיי אין דעם באַוואָפנטן, סיי אין ציווילן ווידערשטאַנד.

צו ווייניק פּלאַץ ווערט אָבער אָפּגעגעבן ביים אַרויסברענגען די ספּעציעלע ראָל, וואָס די יידישע פרוי האָט געשפּילט אין דאָזיקן גורלדיקן קאַמף פאַרן לעבן, פאַר דעם נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן כבוד.

צווישן דער גרויסער פּלעיאַדע העראָישע פרויען, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אינעם קאַמף מיט די נאַציס, האָט פאַרנומען אַן אייגנאַרטיק אָרט די הויפּט־קראַנקנשוועסטער פון וואַרשעווער געטאָ — די אומפאַרגעסלעכע אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג. די דאָזיקע מערקווירדיקע פרוי האָט פאַרשריבן אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון ייִדישן ווידער־שטאַנד.

לידער פון
אַלאַ גאָלאָמב

איבערזעצט פון פויליש

מנחם גור

בלומען

עס האָט עמעצער געבראַכט מיר אַ בינטל בלומען רויטע.
אין שפיטאָל זענען קיין קריסטאַל־וואַזעס ניט פאַראַנען.
אין אַ ליימענעם טעפעלע זענען זיי געשטאַנען,
און געשמייכלט האָבן צו זיי ליפן בלייכע,
און טרויעריק־פאַרשלאָפענע אויגן האָבן געקוקט אויף די בלומען.
שוועסטער! איז שוין אויף אַן אמת דער פרילינג אָנגעקומען?
און צאַרטע, דורכזיכטיקע הענט האָבן גענומען זיך אויסשטרעקן:
ווי פרעכטיק איז דער בוקעט בלומען, דער נאַסער,
אַ שאָד אַרויסנעמען אים פון קלאָרן, ריינעם וואַסער.
שוועסטער! — האָט אַ קראַנקן ייִנגלס קול געבעטן.
איך נעם די בלומען און לייג אויף זיין בעטל,
און זיין שוואַרץ קעפל האָט זיך צו זיי צוגעבויגן,
און פון היץ פאַרברענטע ליפן האָבן זיך צו זיי געצויגן.
זייט געבענטש טייערע, געליבטע בלומען
אין שפיטאָל, אין שעהען אומעטיקע־שטומע!
איינגעשלאָפן איז דער קראַנקער אויף דעם רויט־גרינעם קישן.
די בלומען וועלקן — דאָס ייִנגל שלאָפט אַ שלאָף אַ זיסן.
כ׳האָב ליב געהאַט פרישע, בליענדיקע בלומען.
די בלומען שטאַרבן — מיך באַהערשט אַן אומעט.
זיי האָבן זייער רויטע פאַרב דעם קראַנקן אָפגעגעבן,
פאַר אים איז אַ לאַנגער, געזונטער שלאָף געקומען.

— — — — — — — — — — —

כ׳האָב ליב געקריגן אין שפיטאָל די וועלקנדיקע בלומען...

האַרבסט

עס איז דער האַרבסט שוין אָנגעקומען
און פאַרוועלקט זענען די בלומען.
פון די פעלדער, וועלדער פליִען
פייגל, גאַנצע שנורן ציִען
אויפן מזרח — פול, געדיכט
זוכן פרילינג־זון און ליכט...
שוין אַוועק אין וועג דעם וייטן
און מיין בליק טוט זיי באַגלייטן,
איך, דער וואַנדערער פון יאָרן,
בין איצט איינזאַמער געוואָרן...
טוט מיין האַרץ עפּעס באַגערן
און פון די אויגן פליסן טרערן...
וואַנדערט מיין געדאַנק צוזאַמען
מיט די פייגל איבער יאַמען,
איבער בערג און אָקעאַנען
וייט, ווייט, העט ווייט פון דאַנען.
דאָרטן אויף די קברים שטילע
וועל איך שעפּטשן איצט אַ תפילה,
וועלכע, ס'וועט מיין האַרץ נאָר הערן
ביי דער וואַנט פון צער און טרערן...

מלאַווע

אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג האָט געשטאַמט פון מלאַווע, ווו זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1904. זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קולטורעלער, נישט שלעכט־סיטויִרטער היים.

איר פאָטער, משה גאָלאָמב, איז געווען פאַרוואַלטער פון אַ מלוכהשער פאָלקשול פאַר ייִדישע קינדער אין מלאַווע: פריִער — אין די צאַרישע צייטן, דערנאָך, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, און נאָכן אַנטשטיין פון זעלבשטענדיקן פּוילן — פון אַ פּוילישער מלוכה־שול. לסוף איז ער געווען פאַרוואַלטער פון צוויי פאָלקשולן פאַר ייִדישע קינדער * אין מלאַווע.

אַ צייט לאַנג איז משה גאָלאָמב געווען אויך דער לערער פון רעליגיע פאַר ייִדישע שילערינס אין דער שול פון א. מראָזאָווסקאַ אין מלאַווע.**

אַלאַס מוטער, רחל גאָלאָמב — זייער אַ קלוגע, אינטעליגענטע פרוי — איז געווען אַ באַקאַנטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוערין אין שטאָט. זי איז גע־וואָרן פּאָפּולער אַ דאַנק די פיל־פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן, וואָס זי האָט געפירט. צווישן אַנדערן האָט זי געהערט צום פּאַטראָנאַט פון דער אָרגאַני־זאַציע ״סקאַוט״.

אין געוויסע קרייזן האָט מען פאַרגעוואָרפן די גאָלאָמבס, אַז זיי פירן אַן אַסימילירטע היים, און אין דעם גייסט ווערן דערצויגן זייערע קינדער. דאָס האָט אָבער נישט געשטימט מיטן אמת. הגם אין זייער היים איז די אומגאַנג־שפּראַך געווען פּויליש, זענען די קינדער — די גאָלאָמבס האָבן געהאַט פינף קינדער — דערצויגן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין אַן אַטמאָספער פון ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט און אידעאַליזם.

* אויך פאָווסעכנע שולן, אָדער ״שאַבאַסובקעס״.

** אַ פּוילישע שול פאַר פּוילישע מיידלעך, ווו עס האָבן געלערנט אויך ייִדישע.

נישט געקוקט אויף דעם מלוכה־פּאָסטן, וואָס משה גאָלאָמב האָט פאַרנומען, איז זייער היים פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ "יידישן קלוב" מיט אַ ציוניסטישער באַפאַרבונג.

עס איז אמת, אַז דאָס איז קודם־כל געווען צו פאַרדאַנקען דער פרוי רחל גאָלאָמב, וועלכע איז פאַקטיש געווען די טאָנגעבערין אין דעם הויז.

ווען די יידישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער מלאַווער פּוילישער שול, האָבן בעת די צוגרייטונגען צו אַ שול־פאָרשטעלונג געהאַט אויסצושטיין פון אַנטיסעמיטישע אַנצוהערענישן, האָט אַלאַס מוטער, רחל גאָלאָמב, וואָס האָט צוגעגרייט און רעזשיסירט די פאָרשטעלונג, באַשלאָסן צו גרינדן אַ זעלבשטענדיקן יידישן טעאַטער־קרייז. די פּראָבן צו די פאָרשטעלונגען זענען שוין פון דעמאָלט אָן פאָרגעקומען ביי די גאָלאָמבס אין שטוב.

רחל גאָלאָמב האָט אַחוץ דעם אָנגעפירט מיט אַ טעאַטער־גרופּע, וואָס האָט געשפּילט אויף יידיש. זי האָט דערביי געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון דער יידישער שפּראַך.

אַלע קינדער פון די גאָלאָמבס האָבן באַקומען אַ זאָרגפעליקע דערציִונג און געהעריקע בילדונג. מיט דער צייט האָט יעדער איינער פון זיי זיך געשאַפן אַ זעלבשטענדיקע פּאָזיציע אין לעבן און איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם אויסגעטראָטענעם וועג.

דער עלטסטער זון פון די גאָלאָמבס, יאַנעק (יונתן),* איז, נאָכן פאַרענדיקן די מלאַווער גימנאַזיע, אַוועק קיין וואַרשע און דאָרט אָנגעקומען אין דער פּאָליטעכניק. נאָכן ענדיקן די הויכשול, איז ער געוואָרן לערער פון דער יידישער האַנדווערקער־שול אין וואַרשע. זייענדיק נאָך אין מלאַווע, איז ער געווען איינער פון די אָנפירערס פון דער ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע "סקאַוט", און שפּעטער — פון השומר הצעיר. אין וואַרשע האָט ער געהערט צו די הויפּט־אָנפירער פון השומר הצעיר.

די צווייטע, לויט דער ריי, איז געווען אַלאַ. פון אירע פריִע יוגנט־יאָרן האָט זי אַרויסגעוויזן גרויסע פאַראינטערעסירונג צו ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. משמעות אונטערן איינפלוס פון איר עלטסטן ברודער, איז זי צוגעשטאַנען צום "סקאַוט" און דערנאָך צו דער השומר הצעיר־אָרגאַניזאַציע, ווו זי איז געווען זייער אַקטיוו.

* אומגעקומען בעת דער מלחמה.

נאָך אַלאַן איז געקומען סאַמעק (שמואל),* וועלכער איז, נאָכן פאַרענדיקן די מלאַווער יידישע גימנאַזיע, אַוועק קיין פראַנקרייך און נאָכן פאַרענדיקן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט אין סאָרבאָנע, צוריקגעקומען קיין פוילן און האָט פראַקטיצירט מעדיצין אין אַ שטעטל הינטער וואַרשע.

באַשע (בתיה) ** — די פערטע לויט דער ריי — איז, נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט די מלאַווער גימנאַזיע, אַנגעקומען אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט. שפּעטער האָט זי פאַרענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע און איז געוואָרן אַ לערערין פון צייכענען אין וואַרשע.

דער יינגסטער פון דער משפּחה מאַניעק (עמנואל) *** — האָט נאָכן פאַר־ענדיקן די מלאַווער יידישער גימנאַזיע, שטודירט אין וואַרשעווער אוניווער־זיטעט, דערנאָך צוריק געקומען קיין מלאַווע, ווו ער איז געוואָרן לערער אין דער דאָרטיקער יידישער גימנאַזיע.

זייענדיק נאָך אין דער שול, אין מלאַווע, האָט אַלאַ אַרויסגעוויזן נישט קיין דורכשניטלעכע פעיִקייטן אין די למודים. זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אינטעליגענץ, חכמה און איז תמיד פול געווען מיט אידעעס. זי האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און אויער און אַ בליצשנעלע אָריִענטאַציע.

אירע שול־חברטעס פלעגן זי אָפט נישט דערשאַצן, מאַכן אויף איר חשבון פאַרשידענע באַמערקונגען — טייל מאָל נישט קיין פּאָזיטיווע. דאָס האָט זיך געגומען דערפון, וואָס אירע חברטעס האָבן זי נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן געמיינט, אַז אַלאַ האַלט זיך העכער פון זיי און דעריבער זיך באַציִיגן צו אירע רייד מיט אומצוטרוי. אירע אַרויסזאָגן און אירע פּלענער, וועלכע זי האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט, האָבן זיי געהאַלטן פאַר פּוסטע פאַנטאַזיע.

לאַדזשיא ליפשיץ, אַלאַס אַ שול־חברטע, וועלכע האָט צוזאַמען מיט איר געענדיקט די מלאַווער פוילישע גימנאַזיע פון א. מראָזאָווסקאַ, און איז צוזאַ־מען מיט איר געווען אין „סקאַוט" און אין דער השומר־הצעיר־אָרגאַניזאַציע, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איין מאָל האָט זי, צוזאַמען מיט צוויי חברטעס, אַנקאַ גרינבערג און באַראַ קאַנעצקאַ, באַזוכט גאַלאַמבס הויז. אַלאַ איז נישט געווען אין דער היים. וואַרטנדיק אויף איר, האָבן זיי דערווייל געעפנט אַלאַס

* איבערגעלעבט די מלחמה אין רוסלאַנד. געפינט זיך אין קאַנאַדע, ווו ער פראַקטיצירט ווי אַ דאָקטער מעדיצין.

** איבערגעלעבט אין רוסלאַנד. נאָך דער מלחמה — אין ישראל. געשטאָרבן אין יאָר 1968.

*** אומגעקומען.

טאָגבוך און, בלעטערנדיק אַזוי, זיך אָנגעשטויסן אויף פאָלגענדיקער צו־שריפט: „מיינע חברטעס קאָנען מיך נישט פאַרשטיין. זיי זענען נישט בכוח צו שוועבן אין די הימלען און פאַרלייגן דאָרט נעסטן".

איבערליינענדיק אַלאָס אָפּשאַצונג וועגן זיי, האָבן די מיידעלעך אויס־געבראָכן אין אַ ספּאָנטאַנעם געלעכטער. עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך באַרויִקט.

אין אַ צייט אַרום האָבן זיי זיך איבערגעצייגט, אַז אַלאַ אונטערשיידט זיך פון זיי מיט איר ברייטן געדאַנקן־פאַרנעם. אַלאַ האָט באַוויזן, אַז דאָס, וואָס אַנדערע האַלטן פאַר פאַנטאַזיע, איז ביי איר געוואָרן רעאַליטעט. זי האָט דאָס אוממעגלעכע געקאָנט פּלאַנמעסיק רעאַליזירן און פאַרוואַנדלען אין געשעענע פאַקטן, — וואָס מיר וועלן זען פון די ווייטערדיקע פּאַסירונגען.

אין שטוב ביי די גאָלאָמבס פלעגט תמיד זיין פול מיט מענטשן, הגם זיי האָבן געוווינט גענוג ווייט פון צענטער שטאָט. אַלאַס מוטער איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע, און מען האָט גערן באַזוכט זייער היים. עס זענען דאָרט פאָרגעקומען אינטערעסאַנטע דיסקוסיעס, און אַלאַ האָט מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו די געפירטע שמועסן וועגן די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין לאַנד, וועגן די אַלץ מער אָנגעשטרענגטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין לאַנד און אין דער ברייטער וועלט, און ספּעציעל צו די פּראָבלעמען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו ארץ־ישראל און צו דער פּיאָנערישער אַרבעט, וואָס ווערט דאָרט אָפּגעטון.

די נאָך גאָר יונגע אַלאַ האָט זיך באַטייליקט אין די שמועסן און אַרויס־געזאָגט מיינונגען, וואָס האָבן מיט זייער טרעפלעכן אָפּשאַצן די באַרירטע פּראָבלעמען פּשוט דערשטוינט די עלטערע אָנטיילנעמער אין די געשפּרעכן.

איז דאָך ניט קיין וווּנדער, אַז מען האָט פון אַלאַן אַ סך דערוואַרט אין דער צוקונפט. די דאָזיקע פּראָגנאָזע איז — ווי די צייט האָט באַוויזן — מקוים געוואָרן.

אַלאַ איז געווען זייער אַקטיוו אין „סקאַוט", און דערנאָך אין דער ביי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר". זי האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין אויספלוג, וואָס מען פלעגט זומערצייט אָרגאַניזירן צום גרויסן וואַלד — דריי קילאָמעטער פון מלאַווע. דאָרט זענען דורכגעפירט געוואָרן פאַרשידענע ספּאָרט־איבונגען און פאַרוויילונגען.

וועגן איינעם אַזאַ אויספלוג, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1919, אין וועלכן אַלאַ האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אויך באַטייליקט, גיט איבער אַ

געוועזענע שילערין פון מראזאווסקאס גימנאַזיע — שרה טשאָסנעק: ווען די גרופּע יידישע סקויטקעס איז שוין געווען הינטער דער שטאָט, איז זי אַרומ־גערינגלט געוואָרן דורך אַ מחנה באַוואָפנטע פּוילישע סאָלדאַטן (פון גענעראַל האַלערס אַרמיי), און פאַרהאַלטן געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג פון אָרגאַניזירן יידיש מיליטער.

ווען די ידיעה וועגן אַרעסט איז דערגאַנגען צו זייערע עלטערן אין מלאַווע, איז די יידישע באַפעלקערונג אַריינגעפאַלן אין אַ בהלה. מען האָט אָנגעהויבן צו אינטערוועניר̈ן ביי דער פּוילישער מאַכט און עס איז געלונגען צו באַפרייען די "יידישע אַרמיי", נאָך דעם ווי מען האָט זיי אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אין אַרעסט. די עלטערן מיט די משפחות פון די שילערינס זענען זיי אַנטקעגנגעגאַנגען אויפן וועג צום וואַלד.

ווען אין מלאַווע איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע האַנטווערקער־קורסן, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען משה מערקער, בונם וואַר־שאַווסקי און דודעק ליפשיץ, האָט מען, צווישן אַנדערע, פאַרבעטן אַלאַ גאַלאָמבן צו לערנען די קורסאַנטן לייענען און שרייבן פּויליש. אַלאַ איז דעמאָלט נאָך אַליין געווען אַ שילערין און זי האָט זיך געפילט שטאָלץ מיט איר נייער אויפגאַבע. לאַנג איז אָבער דער יונגער אַלאַ נישט געגעבן געוואָרן צו זיין אַ "פּראָפעסאָרין". די משפחה איז געווען קעגן דעם, און צו איר גרויסן פאַרדרוס האָט זי, אין דעם פאַל, זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם דרוק.

די שוועסטער גאָלאָמב, אַלאַ און באַשאַ, זיצן אין דער מיט.

1. אַ גרופּע מלאַווער פריינט. אַלאַ גאָלאָמב זיצט אין דער ערשטער ריי.



2. די אַנדערע זייט פון דער פאָטאָגראַפיע. אַלאַ גאָלאָמבס אונטערשריפט פעלט.

1. מלאַווע, דער אַלטער מאַרק. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. 1914.

2. מלאַווע, דער אַלטער מאַרק. אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. דעצעמבער 1940.
אויסזידלונג — „ווישעדלעניע".

וואַרשע

ווי נאָר אַלאַ האָט, אין יאָר 1922, פאַרענדיקט מראָזאָווסקאָס גימנאַזיע, איז זי אַוועק קיין וואַרשע און אָנגעקומען אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט. שטודירנדיק אין אוניווערזיטעט, איז זי צוגעשטאַנען צום קרייז פון השומר הצעיר, ווו זי איז ווייטער געווען אַקטיוו.

ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן איינער פון די אָנפירערס פון השומר הצעיר אין וואַרשע, יהודה גאָטהעלף, (איצט רעדאַקטאָר פון „דבר״), האָט אַלאַ געהערט צו די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן פון דער אָרגאַניזאַציע, אין יענער צייט. מיט איר אינטעליגענץ, שאַרפזיניקייט און ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט האָט זי געוווּנען די סימפּאַטיע פון אַלע די, וואָס זענען מיט איר געקומען אין באַרירונג. זי האָט געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר און איז געווען אַן אינטערעסאַנטע מיטשמועסערין.

ווען עס האָט זיך, אין חודש יולי 1923, געגרינדעט אין וואַרשע די ערשטע העכערע שול פאַר יידישע קראַנקנפלעגערינס, איז אַלאַ געווען די ערשטע וואָס האָט זיך אַהין געמאָלדן און טאַקע די ערשטע וואָס איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן.

ביז דעמאָלט איז די דאָזיקע איידעלע פּראָפעסיע געלעגן אין די הענט פון נישט קוואַליפיצירטע מענטשן, אָפט מאָל אַפילו — אַנאַלפאַבעטן. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיכער געהאַט דעם בעסטן ווילן, אָבער עס האָט זיי געפעלט די מינימאַלסטע טעאָרעטישע צוגרייטונג דערצו.

אין די פריִערדיקע יאָרן האָבן אויך עקזיסטירט פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע און הילף־געזעלשאַפטן, ווי ביקור־חולים א״א, וואָס האָבן דעלעגירט פרייוויליקע כוחות צו העלפן די קראַנקע אין שפּיטאָל, אָבער הויפּטזאַכלעך — געשיקט אַהין יעדן שבת און יום־טוב זייערע מיטגלידער מיט עסנוואַרג און פרוכט פאַר די קראַנקע. מיט דער דאָזיקער מצווה האָט מען אָבער ווייניק

געקאָנט העלפֿן די קראַנקע, וואָס האָבן זיך פֿיל מער געניייטיקט אין מאָראַ־לישער פֿלעגע.

ווען עס האָט זיך געעפֿנט די שול פֿאַר פֿלעגערינס, האָט עס אין די קרייזן פֿון באַלעבאַטישע ייִדישע היימען אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן פּראָטעסט, ווען זייערע טעכטער האָבן באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער נייער פּראָפֿעסיע. דעמאָלט האָט מען נאָך געהאַלטן, אַז מיט דעם דאַרף זיך פֿאַרנעמען דאָס פּראָסטע פֿאָלק, נישט די קינדער פֿון באַלעבאַטישע היימען.

אויך אַלאַ האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד ביי איר משפּחה און פֿריינד, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי פֿאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט און גייט אַריבער אין דער שול פֿאַר פֿלעגערינס. זיי האָבן בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין אַלאַס געוואַגטן — ווי אויף יענער צייט — שריט. קיין שום איבעררעדן האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. דער ווילן צו דערגרייכן איר ציל איז ביי אַלאַן געווען שטאַרקער פֿון דער אַזוי גערופֿענער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג. פֿאַר איר איז דאָס געווען אַ הייליקע שליחות. זי האָט דערזען פֿאַר זיך גרויסע מעגלעכקייטן פֿאַר אירע אַספּיראַציעס.

אַלאַ האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויס, וואַרעם האַרץ, וואָס איז געווען איבערגעפֿולט מיט ליבשאַפֿט צו מענטשן. זי האָט פֿון תמיד אָן געשטרעבט צו שאַפֿן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פֿאַר די שוואַכערע און אָרעמע, און האָט געהאָפֿט צו ענדערן, דורך איבערדערציִונג און אויסבעסערונגען, די נישט גערעכטע סאָציִאַלע פֿאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן אַזוי פֿיל מענטשן.

זייענדיק נאָך אין דער השומר־הצעיר־אָרגאַניזאַציע אין מלאַווע, וואָס האָט אין יענע יאָרן נאָך נישט געפֿירט קיין פּאָליטישע טעטיקייט, נאָר געהאַט פֿאַר זיך מער קולטור־דערציִערישע, צילן, האָט אַלאַ, בעת די אָפֿטע אויס־פֿלוגן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, זיך אָנגעשטויסן אויף דעם פֿעלערהאַפֿטן דערציִונגס־סיסטעם ביי די סקויטן. אויך דער מאַנגל אין היגיִענישער אויפֿ־קלערונג האָט זיך בולט געוואָרפֿן אין די אויגן.

אין דער ניי־דערעפֿנטער מאָדערנער שול פֿאַר פֿלעגערינס האָט אַלאַ געזען אַ גוטע געלעגנהייט צו קאָנען מיט דער צייט אויסבעסערן אַ סך פֿעלערן.

אַלאַ האָט פֿאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט און איז אַריבער אין דער שול פֿאַר פֿלעגערינס, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דעם ייִדישן שפּיטאָל טשיסטע (אויף דוואָרסקא 17). דער שפּיטאָל איז געווען באַקאַנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע און גרעסטע שפּיטאָלן אין פּוילן.

די ערשטע יידישע אַנשטאַלט פאַר פלעגערינס

די נייע אַנשטאַלט פאַר פלעגערינס — די ערשטע ייִדישע און די צווייטע שול פאַר פלעגערינס אין פוילן בכלל — איז געגרינדעט געוואָרן דורכן וואַר־שעווער מאַגיסטראַט לויט דער איניציאַטיוו פונעם אַמעריקאַנער דזשאָינט, וואָס האָט צוגעטיילט דער שול אַ גרויסע פינאַנציעלע אונטערשטיצונג.

אַ דאַנק אירע נישט דורכשניטלעכע פעיִקייטן און אַרבעטזאַמקייט — זי איז געווען אַ מוסטערהאַפטע שילערין, — האָט אַלאַ באַלד פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער שול. די אַמעריקאַנער דירעקטאָרין פון דער שול, מיס אַמאַליא גרינוואַלד, האָט באַלד אָפּגעשאַצט אַלאַס זעלטענע פעיִקייטן און איר פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין אַמעריקע. אַלאַ האָט אָבער געהאַט אַנדערע פלענער: צו דערווערבן וואָס מער קענטענישן און אויסניצן די דערוואָרבענע ידיעות פאַר איר אייגן פאָלק.

אַלאַ איז געווען אַ שטאָלצער, נאַציאָנאַלער ייִדישער מענטש. דאָס האָט זי אַרויסגעטראָגן פון איר היים און פון דער סביבה, אין וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן. צווישן אַנדערן קאָן מען דאָס זען אויך פון אַ דעדיקאַציע, וואָס זי האָט אַריינגעשריבן אין טאָגבוך פון אירס אַ ייִנגערן חבר פון השומר־הצעיר, דעם 14־יאָריקן מאָריס בעקוויט,* וועלכער האָט פאַרלאָזט מלאָווע אין יאָר 1920.

די דעדיקאַציע, געשריבן אין דער פוילישער שפּראַך, האָט אַלאַ אָנגעהויבן מיט ציטירן פּראָפעסאָר מאַרטין בובער: "זיין אַ מענטש און זיין עס ווי אַ ייִד". און באַלד דערנאָך קומט די ווידמונג: "חזק! — מיין סימפּאַטישן ברודערל,

* ד"ר מאָריס בעקוויט, (משה גזשעביעניאַזש) פּראָפעסאָר פון לאָס אַנזשעלעסער אוניווערזיטעט.

פאַר זיין אָפּפאָרן מעבר־לים, ער זאָל שטענדיק געדענקען וועגן אונדזער אָרעמען פאָלק״.

אַלאַ גאָלעמביאַנקאַ

מלאַווע, 9 שבט 5680 יאָר, אין גלות״.

היות אַלאַ האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פּאַראינטערעסירונג פאַר קינדער־פלעגע, האָט די דירעקציע פון דער שול פאַר פלעגערינס זי אַוועקגעשיקט קיין בערלין דורכצומאַכן דאָרט אַ ספּעציעלן קורס פאַר זויגקינדער־פלעגע. זי האָט דעם קורס פאַרענדיקט און פּראַקטיצירט אין דער בערלינער קליניק פון פּראָפעסאָר שטראַוס. דאָס איז געשען איידער זי האָט נאָך פאַרענדיקט די שול פאַר פלעגערינס אין וואַרשע.

אַלאַ גאָלאָמב, אָדער ווי מען האָט זי גערופן: גאָלעמביאַנקאַ, איז געווען זייער באַליבט ביי אירע שול־חברטעס און אינסטרוקטאָרינס. אַ דאַנק איר

א

יזכן.

M. Buber.

Być człowiekiem, a być nim po żydowsku!

Memu sympatycznemu braciszkowi w chwilę wyjazdu za ocean, by zawsze pamiętał o naszym biednym narodzie.

Ala Gołębianka

Mława 9 szwat 5680 roku w golusie.

לעבנסלוסט און ברוויזנדיקן טעמפעראַמענט האָט זי אַריינגעבראַכט אַן אויפֿ־לעבונג און פריידיקע אַטמאָספער אין אינטערנאַט (אַלע שילערינס האָבן געמוזט וווינען אין דעם אינטערנאַט פֿון דער שול). זי האָט דאָרט דורכגעפֿירט דיסקוסיע־אָוונטן, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ, און איינגע־אָרדנט פֿאַרשידענע אָריגינעלע שפּילן און פֿאַראַנשטאַלטונגען.

אַלאַ איז געווען אַלזייטיק פֿעיִק: זי האָט שיין געמאָלן, געשריבן פּאָעזיע און סאַטירעס אויף טאָג־טעגלעכע, אַקטועלע טעמעס. יעדע געשעעניש אין דער שול איז דורך איר באַלד געקומען צום אויסדרוק דורך אַ שאַרפֿזיניק ליד אָדער סאַטירע. זי האָט געהאַט גרויסע סצעניש׳ע פֿעיִקייטן און איז אויך געווען אַ גלענצנדיקע רעציטאַטאָרין. אַלאַ האָט אין דער שול אָפֿט אַראַנזשירט טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, וועלכע זי אַליין האָט צונויפֿגעשטעלט, רעזשיסירט און אויך מיטגעשפּילט אין זיי.

דאָס איז, משמעות, געווען ביי איר אַ "משפּחה־ירושה". אַלאַס מוטער, רחל גאַלאַמב, איז אויך געווען סצעניש באַגאַבט. די דאָזיקע אינטעליגענטע, איידעלע פֿרוי, וואָס האָט געשפּרודלט מיט לעבנספֿרייד און געהאַט אַ זעל־טענעם חוש פֿאַר הומאָר, האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער. זי האָט אַליין אָנגעפֿירט, רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין מלאַווער מוזיקאַליש־דראַמאַ־טישן קרייז: פֿריִער אין "הזמיר" און דערנאָך אין דעם ניי־געגרינדעטן דראַמאַטישן קרייז. אַלע פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וואָס זי האָט אַראַנ־זשירט, זענען געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ.

דער ייִדישער טעאַטער־קרייז אין מלאַווע האָט געהערט צו די גאַנץ ווייניק דראַמ־קרייזן אין פּוילן, וואָס האָבן, אין פֿאַרשידענע צייט־אָפּשניטן, גרופּירט אַרום זיך די שפּיצן פֿון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין מלאַווע. גענוג צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר נעמען, ווי: די ביעזשונסקי׳ס, יאַנאַס ליפּינסקי, זיין פֿרוי אַנדזשע, קאַנאַרעק, פּייוול אַפּאַטאָווסקי (דער ברודער פֿון יוסף אָפּאַ־טאָשו), די ליפּשיצ׳ס, די קלעניעצ׳ס, די גרינבערג׳ס און נאָך און נאָך.

אויך אַלאַ גאַלאַמבס ברודער, סאַמעק, פֿלעגט אויפֿטרעטן מיט פֿידל־סאָלאָס אין די געמיינזאַמע פּראָגראַמען פֿון דער ייִדישער גימנאַזיע אין מלאַווע, און אַ געוויסע צייט האָט ער אַפֿילו אָנגעפֿירט מיטן שולכאָר.

אַלאַ אַליין האָט זיך אויך באַטייליקט אין די שול־פֿאָרשטעלונגען אין מלאַווע. און ווי עס גיט איבער איר אַמאָליקע פֿריינדין לאָדזשיאַ ליפּשיץ, האָט אַלאַ, זייענדיק נאָך אין השומר הצעיר אין מלאַווע, זיך באַטייליקט אין די פֿאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט צוגעגרייט

צו די יום־טובים חנוכה און פורים. די מוזיקע פֿאַראַנשטאַלטונגען האָט רעזשיסירט אַלאַ'ס מוטער, רחל גאַלאַמב.

בעת די טעאַטער־אויפֿפֿירונגען טאַקע האָט זיך אַלאַ דערנענטערט צו איר צוקונפֿטיקן מאַן, אַרעק גרינבערג, מיט וועלכן זי האָט חתונה געהאַט אין מלאַווע, אין יאָר 1930.

אַרעק גרינבערג, ווי אויך זיין ברודער, איסאַק (יצחק), זענען געווען סצעניש באַגאַבט. אַרעק האָט אַפֿילו געשפּילט אַ געוויסע צייט אין פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן טעאַטער און איז אַרומגעפֿאָרן מיט אַ טרופּע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. ער איז אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פֿון „מלאַווער לעבן".

סיי אַלאַ, סיי איר מאַן וואָלטן ביים טעאַטער געקאָנט מאַכן אַ קאַריערע, אָבער זיי האָבן געהאַט אַנדערע אַמביציעס, וואָס האָבן איבערגעוויגן זייער דראַנג צום טעאַטער.

אויך אַרעקס מוטער, רחל גרינבערג, איז געווען סצעניש זייער באַגאַבט. זי האָט זיך באַטייליקט אין אַלע פֿאָרשטעלונגען: פֿריִער אין „הזמיר", שפּעטער — אין דעם דראַמאַטישן טעאַטער־קרייז.

עס איז כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז די גאַנצע הכנסה פֿון אַלע טעאַטער־פֿאַראַנשטאַלטונגען און אויפֿפֿירונגען פֿונעם דראַמ.־קרייז איז געגאַנגען לטובת דער יידישער קאָעדוקאַציע־גימנאַזיע אין מלאווע און אויף אויסצוהאַלטן דעם אינטערנאַט פֿאַר די שילערס, וואָס זענען געקומען פֿון דער פּראָווינץ. דער אינטערנאַט האָט זיך געפֿונען ביי דער מלאַווער יידישער גימנאַזיע.

די גימנאַזיע האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער געשטאַלטיקונג פֿונעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין מלאַווע. זי האָט איבערגעלאָזט גרויסע, געזונטע וואָרצלען, וועלכע זענען אָפּגעהאַקט געוואָרן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע.

די קראַנקנשוועסטער ליובא בלום־ביעליצקאַ, מיט וועלכער אַלאַ האָט צוזאַמען געענדיקט דעם קורס פֿאַר פֿלעגערינס אין וואַרשע, גיט איבער, אַז דער לעצטער קלאַס פֿון דער שול האָט, אין יאָר 1925, אַרויסגעלאָזט אַ זשורנאַל אין פּויליש, א"נ "My I Nasza Szkoła" („מיר און אונדזער שול"), אין וועלכן אַלאַ האָט זיך באַטייליקט און געשריבן וועגן פּראָבלעמען, וואָס זענען אַקטועל נאָך ביים היינטיקן טאָג.

אַלאַ איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָרין פון דעם זשורנאַל "Pielęgniarka" (די פלעגערין), וואָס אין דערשינען אין דער פוילישער שפּראַך.

נאָך אַ קורס פון 2½ יאָר האָט אַלאַ פאַרענדיקט די פלעגערין־שול מיט אַן ערן־אויסצייכענונג. דעם 11־טן נאָוועמבער 1925 איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער אַרויסלאָז פון די ערשטע דיפּלאָמירטע קראַנקנפלעגערינס. דער אויסוואַל צו רעפּרעזענטירן די אַבסאָלווענטינס ביים פייערלעכן אַרויסלאָז און ביים פאַנאַנדערטיילן די דיפּלאָמען, איז געפאַלן אויף אַלאַ׳ן, מחמת זי איז געווען די ערשטע, וואָס איז אָנגעקומען אין שול און די ערשטע, וואָס האָט זי אַזוי גלענצנדיק געענדיקט.

אַלאַ האָט גערעדט אין נאָמען פון די אָבסאָלווענטינס. איר רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע צוהערערס.

אַלאַ׳ס פּיאָנערישע אַרבעט אויפֿן געביט פֿון קינדער־פּלעגע

באַלד נאָך דעם ווי אַלאַ האָט געענדיקט די שול פֿאַר פּלעגערינס, האָט זי אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין טשיסטע־שפּיטאָל, אין דער אבסטעטריק־אָפּטיילונג. דאָס איז געווען פֿאַר איר אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָרעם זי האָט אַלע יאָרן געשטרעבט אָנצוהויבן איר אַרבעט ביי ניי־געבוירענע קינדער, ווו זי האָט געזען פֿאַר זיך אַ מעגלעכקייט דורכצופֿירן איר דערציִונגס־שיטה פֿון באַגינען אָן. איז זי טאַקע געווען די ערשטע אויף דעם געביט: זי האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציִעלע, זעלבשטענדיקע אָפּטיילונג פֿאַר די זויגקינדער. אין דעם פּרט מוז זי פֿאַררעכנט ווערן ווי די פּיִאָנערין.

אָנגייענדיק מיט פּראַקטישער טעטיקייט, האָט זי ווייטער איבער זיך געאַרבעט, זיך כסדר פֿאַרפּולקומט. זי האָט געענדיקט דעם קורס פֿאַר סאָציִאַלער הילף אין אַ וואַרשעווער הויכשול, אָנגעפֿירט פֿון פּראָפֿעסאָר ראַדלינסקא. פֿון דעמאָלט אָן האָט אַלאַ איר גאַנצע צייט געווידמעט אויסשליסלעך דער קינדער־פּלעגע.

ביז אַלאַ האָט איבערגענומען (אין יאָר 1925) די אויפֿזיכט איבער די זויגקינדער, און אָנגעהויבן דורכצופֿירן אירע רעפֿאָרמען, זיינען — ווי עס גייט איבער די קראַנקנשוועסטער ליובאַ בלום־ביעליצקאַ — די קינדער, אין די ערשטע טעג נאָך זייער געבוירן ווערן, געלעגן אין דער זעלביקער שפּיטאָל־פּאַלאַטע, צוזאַמען מיט זייערע מוטערס.

אַלאַ גאַלאָמב האָט די גרעסטע אויפֿמערקזאַמקייט געשאָנקען די היגיִענישע באַדינגונגען פֿון די קינדער און זייער רעגולערער דערנערונג. זי האָט איינגעפֿירט דעם סיסטעם פֿון גענויער אָבסערוואַציע, אַרויסגעבראַכט פּרעציז־צוגעגרייטע באַריכטן און דיאַגראַמען. דאָס איז געווען איינע פֿון אַלאַ גאַלאָמבס גרעסטע דערגרייכונגען.

קראַנקנקפּלעגערינס פון פאַרשידענע שולן פלעגן קומען אין שפּיטאָל אַריין און לערנען ביי אַלאַ'ן אירע נייע אַרבעט־מעטאָדן.

ווי געזאָגט, האָט אַלאַ אַ סך געאַרבעט איבער זיך. זי האָט דאָס זעלביקע געפאָדערט אויך פון אַנדערע. זי האָט פאַרמאָגט די זעלטענע פעיִקייט איינ־צופלאַנצן אין אירע פלעגערין־שילערינס ליבשאַפט צו זייער באַרוף. אַזוי אַרום האָט זיך טאָקע די מאָדערנע קראַנקנפלעגע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין ווארשע. אַלאַ גאַלאַמב איז באַשטימט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די סאָציִאַלע קראַנקנפלעגע אין דער באַראַטונגשטעלע פון דער שול, ביי דער געזעלשאַפט „פריינד פון קינדער". אויך דאָרט האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט איר זעל־טענער איניציאַטיוו, ענערגיע און אומגעהויערער ליבשאַפט צום באַרוף.

אַלאַ גאַלאַמב האָט געהערט צו די ערשטע שול־היגיענעיסטינס אין וואַרשע.

אין יאָר 1927 איז זי באַשטימט געוואָרן צו אָרגאַניזירן די אַרבעט פון די פלעגערינס אין דער היים פאַר יִדישע פינדל־קינדער, וואָס האָט זיך געפונען אויף אָגראָדאָווע־גאַס. אַ דאַנק די יִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס איז דער אַנשטאַלט שפּעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אויף פלאָצקאַ־גאַס אין אַ נייעם, ספּעציִעל פאַר דעם צוועק אויפגעבויטן פּרעכטיקן און מאָדערן־איינ־געאָרדנטן בנין, ווו די קינדער האָבן געהאַט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

לאַנג האָבן אָבער די יִדישע קינדער נישט געקאָנט געניסן פון דער פּרעכטיקער געביידע. די אַנטיסעמיטישע אָנפירערשאַפט פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט האָט אַרויסגעטריבן די יִדישע קינדער פון דער געביידע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און, אויסשליסלעך, מיט דעם געלט פון וואַרשעווער יִדן, ביי דער מיטהילף פונעם אַמעריקאַנער יִדנטום.

די אומנאַטירלעך גרויסע שטערבלעכקייט ביי די פאַרוואָרלאָזטע פינדל־קינדער האָט אַלאַ'ן נישט געלאָזט רוען. זי האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַ נעם געטאָן צו לייזן דעם אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם. זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו צוימען די גרויסע שטערבלעכקייט צווישן די זויגקינדער, און האָט אויך אויף דעם געביט מצליח געווען.

אַלאַ האָט געהאַלטן, אַז די שטערבלעכקייט ביי די דאָזיקע קינדער האָט זיך גענומען סרוב פונעם מאַנגל אין וואַרעמקייט, אין צערטלעכקייט פון מוטער־ליבע. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַנשטאַלט האָט זיי דאָס נישט געקאָנט געבן. אַלאַ, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם זעלטענעם כוח לייכט אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט דערוואַקסענע מענטשן, האָט עס אויך באַוויזן

צו טאָן מיט קינדער, און אפילו מיט די קלענסטע. אַ דאַנק אַלאַ׳ס מיטהילף האָבן די אומגליקלעכע קינדער שנעל זיך געפונען אין אַן אַטמאָספער פון אַ ווארעמער היים, ווו זיי זענען געוואָרן אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדניש פאַר זייער פסיכיק און נשמה — אין וואָס זיי האָבן זיך אזוי שטאַרק געניייטיקט.

אַלאַ גאַלאַמב, וואָס האָט שטענדיק געזוכט נייע שאַפונגס־געביטן, האָט זיך קיין מאָל נישט באַנוגנט מיט דעם אָפּגעטוענעם. זי האָט אַחוץ דער אַרבעט ביי קינדער־דערציִונג, געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אויפ־קלערונגס־אַרבעט אויך צווישן די עלטערן.

אַלאַ האָט גרויס אַכט געלייגט אויף די היגיעניש־סאַניטארע באַדינגונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. זי האָט כסדר אינסטרויִרט די פלעגע־רינס, ווי אַזוי צו האַנדלען אין פארשיידענע פאַלן. זי האָט וועגן דעם אויך פאַרעפנטלעכט פיל אַרבעטן. אחוץ אין פאַך־אויסגאַבעס, אין וועלכע זי האָט זיך באטייליקט מיט אירע ווערטפולע אַרבעטן, האָט זי אויך געשריבן אין דער יידיש־פּוילישער פּרעסע, ווי „נאַש מאַלי פּשעגלאָנד" א"אַ.

איינע פון אַלאַ גאַלאַמבס אַרבעטן, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין די צוואַנציקער יאָרן, איז כדאי צו ציטירן אין יידישער איבערזעצונג:

„עס איז שוין אַזוי אָנגענומען אין לעבן, אַז די אויפגאַבע פון אַ קראַנקנפלעגערין אין שפּיטאָל איז בלויז אויסצופירן די פונקציעס, וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות צום קראַנקנס געזונטצושטאַנד. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז "maxima lex salus aegroti est" * דאָס הייסט אָבער נישט לחלוטין, אַז מיט דעם דאַרף עס זיך טאַקע ענדיקן.

דעם אויפהאַלט פונעם קראַנקן אין שפּיטאָל טיילן מיר אויף צוויי עטאַפּן: דער ערשטער — בעת דער קראַנקייט גופא, ווען מיר שטרענ־געז אָן אַלע כוחות איינצוהאַלטן דעם קראַנקן ביים לעבן, דער צווייטער — וואָס דויערט, אין לרוב פאַלן, לענגער — איז די צייט פון רעקאָנוואַלעסצענץ.

צי איז עס דען שוין גענוג, וואָס מיר האָבן נישט דערלאָזט דעם מענטשן שטאַרבן?

צי אַחוץ דעם לאָזט זיך שוין פאַר דעם קראַנקן מער גאַרנישט טאָן?

* דאָס העכסטע געזעץ איז ראַטעווען דעם קראַנקן.

מיר קענען גוט דעם עלעמענט, פון וועלכן עס רעקרוטירן זיך די קראַנקע אין אונדזער שפּיטאָל: דאָס זענען לרוב מענטשן פון די נידעריקסטע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, טייל מאָל מענטשן פון אַ צווייפלהאַפטן מאָראַלישן ווערט; מענטשן, וואָס האָבן נישט דעם מינדעסטן באַגריף וועגן די עלעמענטאַרסטע היגיענישע פּרינציפּן. זיי זענען לגמרי אומבאַוווסטזיניק און נישט דערצויגן געזעלשאַפטלעך.

פון אַזעלכע עלעמענטן באַשטייען אונדזערע שפּיטאָל־געסט. מיר דערפילן אין דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג די ראָל פון ווירטינס. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַ ווירטין איז משפּיע אויף דער אויפפירונג פונעם גאַסט. אויב דער פּאַציִענט האָט זיך, ביי אַ לענגערן אויפהאַלט אין שפּיטאָל, געפילט גוט, וועט ער שפּעטער זיך באַמיִען אַזוי צו פירן אויך ביי זיך אין דער היים.

אויף אַ העפלעכן, אָבער גאַנץ אַנטשלאָסענעם אופן הייבן מיר אָן אונדזער סיסטעם פון דערציִונג אין אַ צייט־פּעריאָד פון קראַנקנס רעקאָנוואַלעסצענץ.

מיר דערמאָנען זיך אונדזער פאַרצווייפלונג פון די ערשטע טעג פון אַמטירן אין די קראַנקן־פּאַלאַטעס, ווען מיר האָבן באַמערקט, אַז די קראַנקע נעגירן בכלל די עקזיסטענץ פון שפּייעקסטלעך.

האָט זיך אָנגעהויבן מיט אויפקלערן די קראַנקע וועגן דער שעדלעכקייט פון שפּייעכץ, וועגן דעם נישט עסטעטישן אויסזען פונעם צימער. אַ טייל קראַנקע האָבן עס פאַרשטאַנען, אַנדערע — דאָס האָבן מיר דייטלעך געפילט — האָבן זיך בלויז אונטערגעגעבן, כדי מיר זאָלן זיי לאָזן צו רו, נאָך אַ גרופּע — האָט זיך ווייטער געטאָן דאָס אייריקע, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט, אַז קראַנקע מענטשן דאַרף מען נישט באַאומרויִקן און נישט מאַכן זיי קיין שום באַמערקונגען.

מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף גראָבע ענטפערס. אָבער אויך אויף דעם האָבן מיר געפונען אַן עצה. צו אַ קראַנקן, וואָס איז בכוח געווען אַרומצוגיין און האָט מיט געניטקייט פון א צירק־אַקראָבאַט, אין קעגנוואַרט פון זיינע חברים, געשפּיגן אויף אַ מהלך, און דערביי מיט דער גרעסטער סאַטיספאַקציע אָבסערווירט וואָס פאַראַ איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דער קראַנקנפלעגערין, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און האָט, אוועקשטעלנדיק נעבן אים אַ שפּייקעסטל, געזאָגט:

„איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב נישט געוווּסט, אַז אייך איז שווער אויפצושטיין פון בעט. איר האָט עס מיר נאָר געדאַרפט זאָגן, וואָלט איך אייך גלייך געבראַכט דאָס שפּייקעסטל. איך וועל אייך בעטן דאָס צו געדענקען״.

דער רעזולטאַט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. צו מאָרגנס זענען שוין אַלע קראַנקע געווען אין דעם פּרט אויפגעקלערט. מען האָט נאָר געדאַרפט אויף אַ געהעריקן אופן רעאַגירן. דער דאָזיקער פאַקט איז בלויז איינער פון די פיל כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן.

מיר האָבן אויך געמוזט אָנעמען אַ פעסטע שטעלונג בעת די קראַנקע האָבן אויפגעהויבן אַ טומל, ווען זיי האָבן זיך באַנוצט מיט וווּלגאַרע אויסדרוקן, ווי אויך — אין שייכות מיט קלענערע אָדער גרעסערע פאַרלעצונגען קעגן עטיק און קולטור. מען האָט געדאַרפט די פאַר־שולדיקטע איבערצייגן, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער אומ־געבונג, ווען עס זאָל אַפילו דאַרפן ברענגען אַ קליינעם שאָדן דעם אייגענעם „איך״, וואָס איז, אין זייער באַגריף, געווען אַ גאַנץ נאַטיר־לעכע זאַך.

דער קראַנקער לאָזט אָפט צו שטאַרק פילן ווי ערליידט. מיט וועלן איינרעדן, אַז עס איז אים גאָרנישט, דערגרייכט מען נישט דעם ציל; מיר מוזן אים שטאַרקן אין דער איבערצייגונג, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג באַגייט ער אַ גרויסע עוולה לגבי זיינע גורל־חברים, — מיט איין וואָרט: מיר דאַרפן אין אים איינפלאַנצן געזעלשאַפטלעכע אַחריות און צוגרייטן אים צום לעבן אין אַ גרויסער געמיינשאַפט.

מיר האָבן פאַר זיך אַ היפּש פעלד צו אַנטוויקלען ביים מענטשן דעם אינסטינקט פון קעגנזייטיקער הילף. מיר מוזן אָבער דערביי אַכטונג געבן, אַז אַפילו די קלענסטע הילף, וואָס די קראַנקע דער־טיילן איינער דעם אַנדערן, זאָל נישט טראָגן אויף זיך קיין סימן פון פיליסטערישער באַרמהאַרציקייט און רחמנות, נאָר עס דאַרף אַרויס־דרינגען פון פליכטגעפיל פון אַ שטאַרקערן לגבי אַ שוואַכערן.

און וואָס קאָן אַלץ אויפגעטאָן ווערן פאַר אונדזערע קליינע קראַנקע?

אין אונדזערע שפּיטאָלן קאָנען זיך די קינדער נישט פילן אין גאַנצן גוט, פּשוט צוליב דעם מאַנגל אין פאַסיקע שפּיטאָל־אָפּטיילונגען. זייענדיק פאַנאַנדערגעטיילט צווישן עלטערע קראַנקע, איז דאָך

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז זיי הייבן זיך אָן צו פאַראינטערעסירן און אַריינצומישן זיך אין די געשפּרעכן, וואָס די עלטערע קראַנקע פירן צווישן זיך.

עס הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען ביי די קינדער אַ נישט געזונטע נייגעריקייט. מיר רינגלען אַרום די קליינע באַשעפענישן מיט אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג. זייער אויפהאַלט אין שפּיטאָל קאָן זיך פאַרציִען אויף אַ צייט, אָנהייבנדיק פון אַ פּאָר טעג — ביז צו אַ פּאָר חדשים. דאָס איז גענוג צייט, כדי צו פאַרדאַרבן די יונגע נשמות. מיר באַמיִען זיך תמיד צונויפצונעמען די קינדער, אָפּצוגרענעצן זיי פון די אַנדערע קראַנקע און אימפּראָוויזירן אַ קינדער־אָפּטיילונג. בעת זייער רעקאָנוואַלעסצענץ, ווערט די קראַנקנפלעגערין אָפט פאַר־וואַנדלט אין אַ פּרעבליסטין.

די קינדער גיבן זיך גערן אונטער אונדזער איינפלוס, און מיר דערגרייכן אָפט זעלטן גוטע רעזולטאַטן. מיט די עלטערע פּאַציִענטן גייט עס צו שווערער. אונדז ווערט דאָס אָבער נישט אָפּשרעקן. מיר וועלן נישט אָפּטרעטן פון די צוויי הויפּטפּרינציפּן אין אונדזער דער־ציִונג־פּראָגראַם".

צו אַלאַ גאָלאָמבס גרעסטע פאַרדינסטן דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט געגרינדעט אין וואַרשע די „ליגע פאַר יונגע מוטערס". די אויפגאַבע פון דער ניי־געגרינדעטער ליגע איז געווען צוצוגרייטן צוקונפטיקע יונגע מוטערס ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט זויג־קינדער, ווי אַזוי זיי צו פלעגן און צו דערציִען אויף געזונטע, שטאַרקע קינדער.

דאָס איז געווען אַ מין באַראַטונגס־שטעלע פאַר יונגע מוטערס, וועלכע מען האָט געגעבן אָנווייזונגען וועגן געזונטהייט־פראַגן און היגיענע. מיט דעם דאָזיקן נייעם פּראָיעקט האָט אַלאַ ראַדיקאַל געענדערט די ביז דעמאָלט איינגעפירטע מעטאָדן פון קינדער־פלעגע, איבערגעריסן מיטן אָנגענומענעם שאַבלאָן און ממש רעוואָלוציאָניזירט דאָס דאָזיקע געביט.

פּראָפעסאָר דר. לודוויג הירשפעלד *, דער פאַרמלחמהדיקער דירעקטאָר

* אָנהייב 1941 איז פּראָפ. הירשפעלד אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. האָט איבערגעלעבט די מלחמה אויף דער אַרישער זייט. געשטאָרבן אין פּוילן אין יאָר 1954.

פון באַקטעריאָלאָגישן אינסטיטוט ביים וואַרשעווער אוניווערזיטעט, האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט אַלאַ גאָלאָמבס דערציִונגס־מעטאָדן.

אויך דער גרויסער רעפֿאָרמאַטאָר און קינדער־דערציִער יאַנוש קאָרטשאַק, הגם ער האָט געהאַט זיינע אייגענע דערציִונגס־מעטאָדן, האָט באַוווּנדערט אַלאַ גאָלאָמבס צוגאַנג צו דער פֿראַגע פֿון זויגקינדער־פֿלעגע. ער האָט אָפֿט דיסקוטירט מיט איר וועגן די מעגלעכקייטן און דערגרייכונגען פֿון איר נייער דערציִונג־שיטה.

קאָרטשאַק האָט זיין גאַנץ רייף לעבן אַרומגעטראָגן זיך מיט אַ שולדגעפֿיל, פֿאַר וואָס ער האָט פֿאַרלאָזט דעם קינדער־שפּיטאָל (בערסאָן־באַומאַן) צוליב דעם יתומים־הויז. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז מקנא אַלאַ'ן וואָס האָט נישט דעזערטירט פֿון דער אַרבעט אין שפּיטאָל. — גאָלעמביאַנקאַ, — האָט ער געזאָגט — האָט באַוויזן צו פֿאַרבינדן אירע דערפֿאַרונגען מיטביידע אַנשטאַלטן.

קאָרטשאַק האָט זי אָפֿט פֿאַרבעטן אויף זיינע רעפֿעראַטן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אינסטיטוט פֿאַר ספּעציעלער פּעדאַגאָגיק, און שפּעטער גערן אויסגעהערט איר מיינונג וועגן זיינע אַרויסזאָגונגען.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַלאַ גאָלאָמבס גרויסע רעפֿאָרמען און אינאָוואַציעס, וואָס זי האָט איינגעפֿירט, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויך אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿטלעכקייט און סאָציאַלע הילף־אינסטיטוציעס. מען האָט איר פֿאַרגעלייגט פֿאַרשידענע פּאָסטנס. היות אירע פֿאַראינטערעסירונגען זענען אָבער געגאַנגען אין איין ריכטונג: צו העלפֿן דעם יידישן קינד, פֿאַר וועלכן די מלוכהשע אינסטיטוציעס זענען געווען פֿאַרמאַכט, האָט זי דעם אָנבאָט אָנגענומען מיט דעם באַדינג, אַז זי וועט אַרבעטן אויס־שליסלעך מיט יידישע קינדער.

אַלאַ גאָלאָמבס פֿאָרשלאָג איז אַקצעפּטירט געוואָרן. זי איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטערין פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר סאָציאַלער שוץ ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט און באַשטימט געוואָרן ווי די לייטערין פֿון דער שטאָטישער אָפּטיילונג פֿאַר שוץ פֿון יידישע קינדער. זי האָט אויך געהאַט אודיציעס, אין דער פּוילישער שפּראַך, אין דער מלוכהשער ראַדיאָ־סטאַציע, ווו זי האָט אויסגעפֿירט 15־מינוטיקע פּראָגראַמען וועגן דער ראָל און אויפֿגאַבע פֿון אַ פֿלעגערין; וועגן דערציִונג און קינדערשוץ. זי האָט אויך געהאַלטן לעקציִעס אויף דער טעמע: געזונטהייט און היגיִענע. אירע לעקציעס האָבן תמיד געהאַט אַ גרויסע פּרעקווענץ.

פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַלאַ געווען אייניקע מאָל אין אויס־לאַנד, כדי זיך צו באַקענען מיט די נייסטע מעטאָדן פון פלעגע און קינדער־שוץ. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרפולקומען און איינזאַפן אין זיך וואָס מער פאַך־קענטענישן.

סוף 1939 האָט זיך אַלאַ געקליבן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי זיך צו באַקענען מיט די דאָרטיקע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קינדער־דערציִונג. ביי דער געלעגנהייט האָט זי געוואָלט אויסגעפינען אַ מעגלעכקייט פון איינאָרדענען זיך אין ארץ־ישראל. דערצו האָט זי געשטרעבט פון אירע קינדער־יאָרן אָן, דאָס איז דאָך געווען איר ענדציל. צוגעאיילט דעם באַשלוס האָט דער אַלץ שטייגנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין פוילן, ווו עס איז געוואָרן פאַר יידן וואָס אַ מאָל שווערער צו לעבן.

צו דער נסיעה קיין ארץ־ישראל האָט זיך אַלאַ געגרייט מיט אהבת־נפש. זי האָט געזאָלט מיטנעמען מיט זיך אַ קינד, וואָס זי האָט שפּעטער אַדאָפּטירט. דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט צו נישט געמאַכט דעם דאָזיקן פּלאַן, און עס איז איר באַשערט געווען צו טיילן דעם גורל פון דעם גאַנצן פוילישן יידנטום.

דער גורל האָט איר אָבער באַשטימט אָפּצושפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָל אינעם לעבן און אין קאַמף פון דעם צום טויט פאַרמשפּטן וואַרשעווער געטאָ.

מלחמה

נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען עסטרייך און דערנאָך טשעכאָ־סלאָוואַקיי, איז די ריי געקומען אויף דעם ווייטערדיקן שכן: פוילן.

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 האָבן די היטלערישע אַרמייען אָנגעהויבן זייער מאַרש אויף פוילן.

פון די ידיעות, וואָס האָבן צו אונדז געבראַכט די פּליטים פון דייטשלאַנד און עסטרייך וועגן די נאַציסטישע אַכזריותן לגבי די דאָרטיקע יידן, האָט מען געקאָנט פאַרויסזען, אַז דאָס דרייאונהאַלב־מיליאָנקע פּוילישע יידנטום שטייט פאַר אַ גרויסער סכנה. קיינעם האָט זיך אָבער נישט געקאָנט חלומען, אַז די סכנה וועט דערגיין ביז צו אַזאַ שוידערלעכן חורבן: אויסראָטונג פונעם כמעט גאַנצן פּוילישן יידנטום.

די מלחמה־זאַווייע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן, אין יאָר 1939, האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַלאַ גאַלאָמב. זי האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין וואַרשע, האָבנדיק מיט זיך איר טעכטערל ראמי, וואָס איז אַלט געווען פיר יאָר, ווי אויך דאָס אַדאָפּטירטע מיידעלע, וועלכע זי האָט נישט באַוויזן אַריבערצופירן קיין ארץ־ישראל. אַלאַ האָט געהאַט אויף זיך אַ גרויסן עול, — אַן עול, וואָס איז איבערגעוואָקסן אירע פיזישע מעגלעכקייטן. אָבער אַ דאַנק איר אייזערנעם ווילן, איז זי אויך די שוועריקייט בייגעקומען.

אַלאַ׳ס מאַן, אַרעק גרינבערג, צוזאַמען מיט איר ברודער יאַנעק, האָבן דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939 פאַרלאָזט וואַרשע און זיך מער נישט אומגע־קערט. אין אַ צייט אַרום האָט אַלאַ באַקומען אַ בריוו פון איר מאַן, פון לעמבערג, און פון דעמאָלט אָן מער פון אים שוין נישט געהערט. זיין גורל איז אומבאַקאַנט.

1. שוועסטער־שולע ביים ייִדישן שפּיטאָל אין וואַרשע („טשיסטע“), 1923.
דער ערשטער יאָרגאַנג. אַלאַ גאָלאָמב שטייט די פינפטע פון לינקס.

2. קראַנקן־שוועסטער נאָכן באַקומען די דיפּלאָמען („טשיסטע"), 1925
אַלאַ גאָלאָמב קניט אין דער ערשטער שורה רעכטס.

1. אַלאַ גאָלאָמב און איר פריינדין גוטאַ שפּירא־האסטאַווסקי
פֿאַר דער געביידע פון דער קראַנקן־שוועסטער־שולע („טשיסטע”), 1935.



2. די געביידע פון דער קראַנקן־שוועסטער־שולע פארברענט דורך די נאַציס.



„מיר פאָרן קיין פוילן, ייִדן צו שמייסן“.

די טאָטאַלע באָמבאַרדירונג פון וואַרשע האָט אָפּגעווישט פון דער ערד גאַנצע בלאָקן הייזער. אַם מייסטן האָט די דייטשע "לופט־וואַפע" באָמבאַדירט די שטאַרק באַפעלקערטע יידישע געגנט.

טויזנטער דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע זענען געבליבן ליגן פאַרשיט אונטער די חורבות פון די הייזער. עס האָבן זיך געמערט די צאָל היימלאָזע: דערוואַקסענע און קינדער. זיי זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. די אַנטי־סאַניטאַרע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן ווי אַ פּועל־יוצא פון דער צעשטערונג, האָבן געדראָט מיט אַ געפאַר פון עפּידעמיעס. נישט געווען קיין ליכט, נישט געווען קיין וואַסער. דער הונגער האָט זיך געלאָזט פילן.

די ניי געשאַפענע לאַגע האָט נישט געגעבן קיין רו דער פיינפילנדיקער און אָפּפערוויליקער אַלאַ גאָלאָמב. מען פלעגט זי אָפּט טרעפן אין דער סאָציאַלער הילף־אָפּטיילונג פון דער קאָאָרדינירער־קאָמיסיע, און שפּעטער — אין דער פּליטים־און נשרפים־סעקציע ביי דער יידישער אַליינהילף. זי פלעגט אַהין קומען מיט בקשות, אָדער בעסער געזאָגט: מיט אַ פאָדערונג פון הילף פאַר די פּליטים און נשרפים, פאַר די היימלאָזע און הונגעריקע משפחות, פאַר די שווער פאַרוווּנדעטע קינדער, וואָס מען האָט געפונען אונטער אַ חורבה א.א.וו.

אַלאַ גאָלאָמב האָט נישט געדאַרפט בעטן. בלויז איר באַווייזן זיך אין דער הילף־אינסטיטוציע האָט אַרויסגערופן דרך־ארץ, אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו איר פּערזאָן. יעדער איינער, וואָס האָט זי געקענט, האָט געוווּסט, אַז אַלאַ גאָלאָמבן טאָר מען נישט אָפּזאָגן.

פאַר דער דאָזיקער איינציקאַרטיקער פרוי האָבן נישט עקזיסטירט קיין אָפיציעלע אַרבעט־שעהען. תמיד, צו יעדער צייט, סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט, איז זי געשטאַנען אין דינסט פון די געליטענע און נויטבאַדערפטיקע. מען האָט אַלאַן געזען ביי די קראַנקע, ביי די פאַרוווּנדעטע, ביי די פאַרוואָר־לאָזטע און ביי די צום מערסטן געטראָפענע פון דער מלחמה: ביי די קינדער. און תמיד מיט אַ שמייכל אויף אירע ליפּן און מיט אַ גוט וואָרט. אומעטום האָט זי געבראַכט מיט זיך דערמוטיקונג — ווי שווער אָדער געפערלעך די לאַגע זאָל נישט האָבן געווען.

אַלאַ'ס הומאַניטאַרער צוגאַנג ביים זאָרגן פאַר די קראַנקע און נויט־באַדערפטיקע, איר סענסיביליטעט צו מענטשלעכעליידן, ביי אַ שטאַרקן און טיפן אינערלעכן דראַנג צו הילף־באַרייטקייט און קרבנות־גרייטקייט,

צו טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מענטשלעך מעגלעך, איז אָפּט מאָל דערגאַנגען צו דער מדרגה פון „אויב נישט נאָך העכער".

בעת דער דייטשער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע, האָט מען אין די ערשטע וואָכן געבראַכט די פאַרוווּנדעטע פוילישע מיליטערלייט און ציווילע מענטשן אין שפּיטאָל „טשיסטע", ווו אַלאַ האָט פריִער אייניקע יאָר געלעבט און געאַרבעט. מען האָט די פאַרוווּנדעטע אויך געבראַכט אין דעם קינדער־שפּיטאָל פון בערסאָן און באַומאַן, אויף שליזקע גאַס, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון דער אומדערמידלעכער ד"ר אַנאַ בראַודע־העלער. אַלאַ'ן פלעגט אַזוי אַרום אויסקומען צו לויפן אין די שפּיטאָלן פון איין עק שטאָט צום אַנדערן, כדי צו קאָנטראָלירן, צו העלפן, און ווען דאָס איז שוין געווען אוממעגלעך — צו זאָגן כאָטש אַ טרייסטוואָרט.

אין דער זעלביקער צייט איז איר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו קעמפן מיט די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען און אָנפאַלן אויף ייִדן מצד פוילישע קאָליגאַנעס.

די אַנגרייפנדיקע דייטשע אַרמיי־אָפּטיילונגען האָבן דערווייל פאַרנומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. דער פראָנט האָט זיך בליצשנעל דער־נענטערט צו דער הויפּטשטאָט.

הינטער וואַרשע האָבן זיך די דייטשע חילות אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרבי־טערטן ווידערשטאַנד. די גאַנצע וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט זיך גע־שטעלט צו גראָבן טראַנשייען און געגרייט זיך צום קאַמף. טראַמווייען זענען אוועקגעלייגט געוואָרן אין דער ברייט פון די גאַסן, מען האָט אַרויסגעריסן שטיינער פון די ברוקן און מיט זיי אויפגעשטעלט באַריקאַדן. זעק מיט זאַמד זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף די גאַסן, און אין די פענצטער פון די הייזער — איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן מאַשין־געווער צו לופט־פאַרטיי־דיקונג. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען אַ סך ייִדן דערהרגעט און פאַרוווּנ־דעט געוואָרן.

די גרעסטע זאָרג איז געווען צו באַקעמפן די געפאַר פון דער בויכטיפוס־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך שוין גוט געלאָזט פילן אין שטאָט. מעדיצינישע הילף פאַר די פאַרוווּנדעטע פון די באָמבאַרדירונגען איז צו יענער צייט געווען זייער שווער צו באַקומען. כמעט אַלע דאָקטוירים און מעדיצינישער פערסאָנאַל זענען אַוועק אויף מזרח. די קליינע צאָל איבערגעבליבענע דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס האָבן פשוט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, צוליב דער אומאויפהערלעכער דייטשער באָמבאַרדירונג.

מעדיקאַמענטן, פּראָפילאַקטישע מיטלען, סערום־איינשפּריצונגען זענען גע־
שטעלט געוואָרן אין רשות פון פּוילישן מיליטער.

נישט געווען קיין כירורגן. די קאָמפּליצירטסטע אָפּעראַציעס זענען דורכ־
געפירט געוואָרן דורך יונגע דאָקטוירים, לרוב גינעקאָלאָגן. אין די שפּיטאָלן
האָבן פאַרפעלט נאַרקאָטישע מיטלען. נישט געווען קיין באַנדאַזשן. מען האָט
צעריסן ליילעכער און האַנטעכער און אַרומגעוויקלט די ווונדן.

ווי עס גיט איבער אין אירע זכרונות די קראַנקנשוועסטער סאַבינאַ
גלאָצער, איז אין יענעם פּעריאָד דער יידישער שפּיטאָל אויף טשיסטע פאַר־
וואַנדלט געוואָרן אין אַ פראָנטשפּיטאָל. מען האָט געהאַלטן אין איין ברענגען
אַהין פאַרוווּנדעטע. עס האָבן אויסגעפעלט דאָקטוירים. 40—30 אָפּעראַציעס
זענען דורכגעפירט געוואָרן טעגלעך.

אויף די גאַסן האָט מען אויף טריט און שריט געזען ליגן דערהרגעטע
מענטשן, דערהרגעטע פערד, דערשאָסענע הינט און קעץ.

פאַרצווייפלטע, אויסגעהונגערטע מענטשן האָבן פון די דערהרגעטע פערד
אָפּגעשניטן שטיקער פלייש אויף אָפּצוקאָכן און עסן. די לופט איז געווען
פאַרפעסטיקט. די היץ האָט געברענט, ווי אַ פייער וואָלט געפאַלן פון הימל.
אין דעם גיהנום זענען אונטערן פרייען הימל געלעגן פאַרוווּנדעטע ציווילע
מענטשן, וועלכע מען האָט צוליב די באָמבאַרדירונגען נישט געקאָנט צונעמען.
די שטערבלעכקייט איז געוואָרן אומגעהויער גרויס.

האָט טאַקע אַלאַ גאָלאָמב, צוזאַמען מיט דער קליינער גרופּע דאָקטוירים
און קראַנקנשוועסטערס, נישט גערוט טאָג און נאַכט. צווישן די, וואָס האָבן
געבראַכט טראָגבעטלעך, כדי די פאַרוווּנדעטע אָפּצוטראָגן אין די שפּיטאָלן,
איז געווען אויך אַלאַ גאָלאָמב.

זייער הויפּט־אויפגאַבע איז געווען איבערצופירן די פאַרוווּנדעטע און
קראַנקע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן לאַנגע טעג, ווי אויך
די, וואָס זענען נאָך געווען אין די קעלערס און חורבה־לעכער.

דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אין אַ צייט ווען מען איז אַליין געווען אונטער
אַן אומאויפהערלעכן פייער, בעת דער כסדרדיקער באָמבאַרדירונג פון דער
שטאָט.

אין די דאָזיקע געפערלעכע טעג האָט אַלאַ נישט געטראַכט וועגן דער
לעבנסגעפאַר, וואָס האָט געלויערט איבער איר, בעתן אַרומלויפן איבער די
וואַרשעווער גאַסן. זי האָט זיך נישט פאַרשטעקט, כדי זיך צו שיצן פון

געפאַר, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אַזוי פיל אומגליקלעכע מענטשן בייטיקן זיך אין באַלדיקער הילף, וואָס טאָר נישט אָפּגעלייגט ווערן.

דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939 האָבן זיך, אויפֿן ראַדיא־רוף פֿונעם פּאַרטעי־רישן פּוילישן פּולקאָווניק אומיאַסטאָווסקי, צענדליקער טויזנטער מענטשן אַוועקגעלאָזט פֿון וואַרשע אָפּצוריכטן גלות. צווישן זיי איז אויך געווען אַלאַ׳ס מאַן, אַרעק גרינבערג, און אירע ברידער יאַנעק און סאַמעק גאַלאַמב, ווי אויך אַלאַ׳ס שוועסטער בתיה גאַלאַמב.

איבער אַלע וועגן און שאָסייען האָבן זיך געצויגן לאַנגע רייען מיט קינדער אין די וועגעלעך, געפירט פֿון זייערע טאַטע־מאַמעס, ווי אויך קינדער־וועגעלעך, אָנגעלאָדן מיטן לעצטן ביסל האָב און גוטס. די ריזיקע מענטשן־מאַסע האָט אין גרויס בהלה געשטראָמט אין דער ריכטונג צו מזרח. די מערהייט פֿון זיי איז אָבער נישט דערגאַנגען. די דייטשן האָבן אָן אויפֿהער באָמבאַרדירט די איבערגעפֿולטע שאָסייען און וועגן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך צו ביסלעך אָנגעהויבן צוריק אומ־צוקערן אַ סך פֿון די אַנטלאָפֿענע, צווישן זיי דאָקטוירים און קראַנקנ־שוועסטערס. די לאַגע אין די שפּיטאָלן האָט זיך אַזוי אַרום אָנגעהויבן צו פֿאַרבעסערן, אָבער די „נאָרמאַליזאַציע” האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן.

נאָך דעם ווי דער וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט, סטאַזשינסקי * האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוגעבן די שטאָט, זענען די דייטשן מיט אַ ווילדער רציחה צוגעטראָטן צו דער גענעראַל־אַטאַקע.

טאָג און נאַכט האָבן זיי באַלייגט די שטאָט מיט באָמבעס. עס איז פּשוט אוממעגלעך געווען אויסצוהאַלטן די שווערע לופֿט־אַטאַקעס. האָבן די העל־דישע פּאַרטיידיקערס פֿון וואַרשע אונטערגעשריבן די קאַפּיטולאַציע דעם 26טן סעפּטעמבער 1939.

* אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

די דייטשן אין וואַרשע

אין דער נאַכט פון 26טן אויפן 27 סעפטעמבער האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אריינצומאַרשירן קיין וואַרשע.

אין טשיסטע־שפיטאָל האָבן זיך דעמאָלט געפונען 500 פאַרוווּנדעטע פוילישע מיליטערלייט, ווי אויך ציווילע בירגער. עס האָבן אָבער, פון דעמאָלט אָן, אָנגעהויבן צוצוקומען נייע קראַנקע: פאַרוווּנדעטע און צעשלאָגענע ייִדן — קרבנות פון די דייטשע זיגער.

די שפיטאָלן זענען געווען איבערגעפּולט. עס איז פשוט נישט געווען מער קיין אָרט אויף די בעטלעך. מען האָט די פאַרוווּנדעטע געלייגט אויף טישן, אין די קאָרידאָרן, אויף די פּאָדלאָגעס. אַלע שויבן אין די פענצטער זענען געווען אויסגעהאַקט. עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט און שמוץ.

אַזוי איז געווען אין טשיסטע־שפיטאָל און אַזוי אויך — אין שפיטאָל פון בערסאָן און באַומאַן. די לייטערין פון קינדער־שפיטאָל, אַנאַ בראַודע־העלער, מיט וועלכער אַלאַ גאָלאָמב איז געשטאַנען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט, האָט זיך פאַר איר באַקלאָגט, אַז ביי די געשאַפענע באַדינגונגען איז אוממעגלעך צו געבן די נייטיקע הילף — אַפילו אין דרינגנדיקע פאַלן.

היות דער שפיטאָל אויף טשיסטע איז געבליבן אָן אַ דירעקטאָר, האָט מען אויף דעם פּאָסטן באַשטימט דעם באַקאַנטן וואַרשעווער אויגנדאָקטאָר לעאָן זאַמענהאָף — אַ זון פון דעם שעפער פון עספּעראַנטאָ — לודוויג זאַמענהאָף.

אַ פּאָר טעג נאָכן פאַרנעמען די שטאָט, האָבן די דייטשן צוגענומען ד״ר זאַמענהאָף און אים דערשאָסן צוזאַמען מיט זיין משפחה.

דער נייער דירעקטאָר איז געוואָרן ד״ר י. שטיין.

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטי־ייִדישע געזעצן.

אין חודש נאָוועמבער 1939 האָבן די דייטשן איינגעפירט אַ ספּעציעלע ייִדן־אָפּצייכענונג. יעדער ייִד, איינשליסנדיק קינדער פון 12 יאָר אָן, האָט געמוזט טראָגן דעם אָרעמבאַנד מיטן מגן־דוד. צוליב די כסדרדיקע שיקאַנעס פון די דייטשן אויף ייִדן: דאָס כאַפּן אויף צוואַנגסאַרבעט, דאָס איינאָרדענען מיט די ייִדן „גימנאַסטיק", וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן באַקומען קלעפּ, האָבן שוין באַשווערט דאָס פרייע באַוועגן זיך פון ייִדן איבער די גאַסן.

אַלאַ גאָלאָמב האָט אָבער נישט איבערגעריסן איר הילף־אַקציע, נישט געקוקט אויף דער געפאַר. זי פלעגט זיך אָפּט באַטייליקן אין די פּאַרטרויליעכע באַראַטונגען פון די ייִדישע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אינסטאַנצן.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל פון איינער אַזאַ באַגעגעניש, אין וועלכער אַלאַ גאָלאָמב האָט זיך באַטייליקט. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין דער סאָציאַלער אַליינהילף, אין צימער פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום.

עס איז באַוווּסט, אַז בעת דער באַלאַגערונג פון וואַרשע, האָבן זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט באַטייליקט ייִדישע מיליטערלייט — און דאָס אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל. אויך מאַסן ייִדן פון דער ציוויל־באַפעלקערונג האָבן געקעמפט.

ד״ר רינגעלבלום האָט, בעת אַ שמועס וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע, זיך פאַררופן אויף היסטאָרישע מקורות, אָנווייזנדיק אויף דער ייִדישער העלדישקייט און מסירת־נפש אין די קאַמפן, וואָס זיי האָבן געפירט אין די פרעמדע אַרמייען און פרעמדע מדינות.

אַלאַ גאָלאָמב האָט מיט נישט קיין קלענערער סאַטיספאַקציע צוגעגעבן, אַז זי האָט זיך דערוווּסט פון אירן אַ לאַנדסמאַן, אַ ייִדישן דאָקטאָר פון מלאַווע *, אַז בעת דער פאַרטיידיקונג פון מלאַווער ראַיאָן, ביים אָנהייב פון דער מלחמה, האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט ייִדישע מיליטערלייט. עס זענען געווען אַפילו פאַלן — האָט זי געזאָגט — ווען פּוילישע מיליטער־לייט האָבן, בעת אַן אָנגריף פון דער דייטשער "לופט־וואַפע" אויף דער פּויליש־דייטשער גרענעץ, איבערגעלאָזט זייערע מיליטערישע איינהייטן און די ערשטע אַנטלאָפן פון פראָנט. דאַקעגן זענען די ייִדישע סאָלדאַטן געבליבן אויף זייערע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס, און האָבן אַפילו אַראָפּגעשאָסן אייניקע דייטשע אַעראָפּלאַנען.

בעת די ערשטע טעג פון די שלאַכטן אַרום וואַרשע, האָט נאָך געהערשט

* ד״ר יוסף מאַקאָווסקי.

אַ פֿרײַנטלעך צוזאַמענלעבן צווישן ייִדן און פּאָלאַקן. עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט, אין די פֿאַרן לאַנד גורלדיקע טעג, זיך אָנגעהויבן אַ נײַע ערע אין די צווישנבאַציִונגען פֿון די פּאָלאַקן און ייִדן. די דאָזיקע „אידיליע״ האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אַנטיסעמי־טישע אַרויסטרעטונגען, און נאָכן פֿאַרנעמען וואַרשע דורך די דײַטשן, האָבן זיך געמערט די כוליגאַנישע אָנפֿאַלן פֿון פּאָלאַקן אויף ייִדן.

האַרט פֿאַר פּסח 1940 האָט וואַרשע אַפֿילו איבערגעלעבט אַ גרויסן פּאָג־ראָם, וואָס עס האָבן דורכגעפֿירט פּוילישע כוליגאַנעס, אינספּירירט דורך די דײַטשן. דער פּאָגראָם האָט געדויערט דרײַ טעג. אייניקע ייִדישע זעלבסט־שוץ־גרופּעס, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מרדכי אַניעלעוויטש, בערנאַרד גאָלדשטיין און אַנדערע, האָבן געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס.

די דרײַ פּאָגראָם־טעג האָבן אָבער געבראַכט גענוג ייִדישע קרבנות: אייניקע דערהרגעטע און מערערע פֿאַרוווּנדעטע.

די אומדערשראָקענע אַלאַ גאָלאָמב האָט זיך אין די דאָזיקע הייסע טעג אויסגעצייכנט מיט איר הילף, וואָס זי האָט געגעבן די פֿאַרוווּנדעטע, ווי אויך ביים אַריבערפֿירן זיי אין שפּיטאָל אַרײַן.

געטאָ

ווען עס איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע דאָס געטאָ — דעם 30־טן נאָוועמבער 1940 — איז דער ייִדישער טשיסטע־שפּיטאָל אויף דוואָרסקא 17 פאַרבליבן אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט.

די דאָקטוירים און כמעט דער גאַנצער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, וואָס האָט געציילט קרוב צו טויזנט מיטאַרבעטערס, האָבן געמוזט וווינען אין געטאָ און פון דאָרט קומען צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל, און נאָך דער אַרבעט צוריק גיין אין געטאָ אַריין. די דייטשע מאַכט האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פונעם גאַנצן שפּיטאָל־פּערסאָנאַל סך־הכל 75 פּאַסירשיינען, וואָס האָבן געגעבן דאָס רעכט אַריינצוגיין און אַרויסצוגיין פון געטאָ. מיט דער צייט האָט זיך די צאָל פון אַזעלכע דערלויבענישן פאַרגרעסערט און איז דערגאַנגען ביז 200 — אויף 1000 מיטאַרבעטערס. די אַלע, וואָס זענען געבליבן אָן פּאַסירשיינען האָבן זיך טאָג־טעגלעך געמוזט צושטעלן זיבן אַזייגער אין דער פרי אין אַרבעט־ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אויף טוואַרדע גאַס נומער 6, און פון דאָרט אַרויסמאַרשירן, מיט דער גאַנצער גרופּע, אין שפּיטאָל אַריין, און אַזוי אויך צוריק. דער וועג איז געווען אַ געננוג לאַנגער.

דעם 14טן דעצעמבער 1940 איז דער טשיסטע־שפּיטאָל געצוווּנגען געוואָרן דורך די דייטשן צו פאַרלאָזן די אַרישע זייט און אַריבערגיין אין געטאָ אַריין. פּאַקטיש אָבער איז די „עוואַקואַציע" פון שפּיטאָל פאָרגעקומען אין חודש פעברואַר 1941. דער גרויסער שפּיטאָל, וואָס האָט געהאַט פּלאַץ פאַר 1200 בעטן, האָט געמוזט פאַרלאָזן די רחבותדיקע, באַקוועמע געביידעס, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ גוט־געפּלעגטן פּאַרק, און איז אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דריי פאַרהעלטנישמעסיק קליינע געביידעס אין געטאָ.

— „אין די באַקוועמלעכקייטן, וועלכע זענען געווען אין טשיסטע־

שפּיטאָל, — האָט דעמאָלט געזאָגט אַלאַ גאָלאָמב, — מעגן מיר שוין פֿאַר־געסן. אין אַ פּאַלאַטע, וואָס האָט געהאַט 30 בעטן, מוזן מיר איצט אַריינ־שטופּן 100 קראַנקע, און אַפילו מער. די ענגשאַפט איז אומגעהויער גרויס. די סאַניטאַרע באַדינגונגען — אונטער יעדער קריטיק". אין די איבערגעפּולטע פּאַלאַטעס פֿון דער כירורגישער אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף לעשנאָ גאַס נומער 1, אין דער געביידע פֿונעם געוועזענעם ספּירט־מאָנאָפּאָל, האָבן דאָקטוירים געמוזט דורכפֿירן פֿיל צענדליקער אָפּעראַציעס טעגלעך. די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס זענען ממש געפֿאַלן פֿון די פֿיס, צוליב די כסדרדיקע דיזשורן, וואָס האָבן טייל מאָל געדויערט אַ גאַנצן מעת־לעת.

אַלאַ גאָלאָמב — הויפּט־קראַנקנפלעגערין פון וואַרשעווער געטאָ

אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג איז דורכן לייטער פון געזונטהייט־אָפּטיילונג און שפּיטאָל־וועזן, ד״ר ישראל מילייקאָווסקי, באַשטימט געוואָרן פאַר די הויפּט־קראַנקנפלעגערין פון וואַרשעווער געטאָ. זי האָט אויך אָנגעפירט מיט די קורסן פאַר קראַנקנפלעגערינס, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביים שפּיטאָל. אַזוי אַרום איז איר אויסגעקומען אַרומצולויפן ביז שפּעט ביי נאַכט פון איין שפּיטאָל צום צווייטן, נאָכצוקוקן די אַרבעט פון די פלעגערינס, אינסטרויִרן זיי, באַזוכן די פּליטים־פּונקטן, די קינדערהיימען, און אַפילו — פּריוואַטע וווינונגען פון דער ייִדישער אָרעמקייט.

מען האָט זיך אין די געזעלשאַפטלעכע קרייזן פון געטאָ געוווּנדערט: פון וואַנען נעמט די צאַרטע גאָלעמביאַנקאַ אַזוי פיל כּוח? חוץ דעם האָט זי דאָך געהאַט דורכצופירן נאָך אַנדערע שליחותן פאַר דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועגן וועלכע עס וועט אונדז נאָך אויסקומען ווייטער צו דערציילן.

נישט קיין ווייניקער וויכטיקע ראָל וואָס אַלאַ גאָלאָמבן איז אויסגעקומען צו שפּילן אין געטאָ, איז געווען דאָס אויסבאַהאַלטן אין שפּיטאָל פאַרשידענע מיליטערלייט (ייִדישע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך נישט רעגיסטרירט ביי דער דייטשער מאַכט), און מענטשן, וואָס זענען אַרומגעזוכט געוואָרן דורך די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען, צוליב זייער פּאָליטישער טעטיקייט.

די דאָזיקע רעטונגס־אַקציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף אַזאַ אויפן: די אָפּפעראווּליקע דאָקטוירים פון שפּיטאָל האָבן אַריינגענומען אַהין די ארומגעזוכטע — אַגב, גאַנץ געזונטע — מענטשן, געמאַכט זיי אָפּגוסן פון גיפּס, אָדער אַרומגעוויקלט אַ געוויסן טייל פון קערפּער מיט פאַרבלוטיקטע

באַנדאַזשן. מען האָט אויסגעשטעלט פאַר זיי פּיקטיווע דיאַגנאָז־באַשײַנונגען פון אַ מכלומרשט דורכגעפירטער אָפּעראַציע. די דאָזיקע פּאַציענטן, וואָס זענען אַרומגעזוכט געוואָרן דורך דער דײַטשער מאַכט, האָט מען געהאַלטן אין שפּיטאָל ווי לאַנג עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען עס האָט געדראָט אַ געפאַר, האָט מען זיי צו וויסן געגעבן וועגן דעם און זיי געהאָלפן שנעל צו פאַרשווינדן פון שפּיטאָל.

עס איז דאָך איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שפּיטאָל־פּערסאָנאַל, מיט די דאָקטוירים בראָש, האָבן בעת דער דאָזיקער קאָנספּיראַטיווער אַקציע געשטעלט אין קאָן זייער אייגן לעבן.

לויט דעם צענזוס, וואָס דער וואַרשעווער יודנראַט האָט דורכגעפירט אין חודש יאַנואַר 1941, האָבן זיך אין געטאָ געפונען 378.979 ייִדן. ביז דעם חודש אַפּריל פונעם זעלביקן יאָר זענען צוגעקומען 72,000 ייִדן, וועלכע מען האָט דעפּאָרטירט קיין וואַרשע פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך. צוזאַמען זענען, אַלזאָ, געווען אין געטאָ — לויט די אָפיציעלע ציפערן — 450.979 ייִדן. אין דער דאָזיקער צאָל זענען נישט אַרײַנגערעכנט געוואָרן די ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פאַרשידענע געטאָס, אין דער פּוילישער פּראָווינץ. זיי האָבן זיך געפונען אין וואַרשע אומלעגאַל און זענען דעריבער נישט געווען געמאָלדן. אַזוי אַרום האָט די צאָל ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ אַריבערגעשטיגן אַ האַלבן מיליאָן.

לויט די אָפיציעלע ציפערן, האָבן זיך אין געטאָ געפונען אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1941 — 50.000 ייִדישע קינדער. עס איז אָבער בלי שום ספק, אַז די צאָל קינדער איז געווען אַ סך, אַ סך גרעסער.

די ענגשאַפט און אַנטיסאַניטאַרע באַדינגונגען, אין וועלכע דער גאַנץ גרויסער מערהייט ייִדן איז אויסגעקומען צו לעבן אויף דעם קליינעם שטח פון דעם אַלץ מער און מער אײַנגעשרומפּטן געטאָ, האָט דערפירט צו דעם וווּקס פון עפּידעמישע קראַנקייטן, — שוין נישט רעדנדיק וועגן הונגער, וואָס האָט אַלץ מער אַרומגענומען דאָס געטאָ. די אומלעגאַלע געטאָ־אײַנוווינער האָבן דאָך נישט געהאַט קיין רעכט אויף די ברויטקאַרטן, אָדער, ווי מען האָט עס אין געטאָ גערופן: באָנעס. איז טאַקע די שטערבלעכקייט אין די דאָזיקע הײַזער געווען גאָר אַ גרויסע.

אַן אומשאַצבאַרע הילף זענען געווען די אין געטאָ אָנגעקומענע שפּײַז־פּעקלעך, וואָס ייִדישע משפּחות האָבן דערהאַלטן פון דער פּראָווינץ און פון אויסלאַנד — לרוב פון פּאָרטוגאַל. די פּעקלעך, וואָס האָבן אַנטהאַלטן לוק־

סוס־אַרטיקלען, ווי סאַרדינען, קאַקאַאָ און שאָקאָלאַד, האָט מען פאַרקויפט און אַזוי אַרום ממש זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

פאַרשטייערס פון פאַרשידענע דייטשע מאַכט־אָרגאַנען פלעגן קומען, פון צייט צו צייט, צו דער ייִדישער פּאָסט־אָפּטיילונג און קאָנפיסקירן די שפּייז־פּעקלעך פאַר זייער אייגענעם געברויך. אין חודש דעצעמבער 1941 האָט די פּאָסט בכלל אָפּגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן שפּייזפּעקלעך פאַר ייִדן, און אַזוי אַרום צוגערויבט דעמאָלט 4000 פּאַקעטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין געטאָ פון פּאָרטוגאַל, שווייץ און אַנדערע נייטראַלע לענדער. ווי אַ פּרעטעקסט אָפּצושטעלן דאָס אַרויסגעבן די שפּייזפּעקלעך פאַר ייִדן, האָבן די דייטשן אָנגעגעבן: געפאַר פון פאַרשפּרייטן טיפוס. אין דער אמתן, האָט דער דראַסטישער שריט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם הונגער, און ממילא — די טיפוס־עפּידעמיע.

אין געטאָ זענען געווען הייזער, ווו אַ דריטל, און אַפילו מער ווי אַ העלפט איינוווינער זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער. אַם מייסטן האָבן געליטן די איבערגעפּולטע פּליטים־פּונקטן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעסטן פון אַלערליי אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. די מערהייט איז דאָרט אויסגע־שטאָרבן פון טיפוס, אָבער נישט ווייניק — פון שווינדזוכט. מען האָט פּשוט נישט געוווסט וועמען פריער צו ראַטעווען: די עלטערן, צי די קינדער.

ווי אַלאַ גאַלאָמב האָט איבערגעגעבן, האָט מען ביים דורכפירן רענטגען־אויפנאַמעס אין די קינדער־היימען (ווו די קינדער האָבן געהאַט אַ בעסערע פאַרפּלעגונג), אַנטדעקט אין זייערע לונגען שווינדזוכט־סימפּטאָמען. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ביז 15% קינדער ליידן פון דעם.

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען אַ דערקלערונג פון יאַנוש קאָרטשאַק. דער אומדערמידלעכער קינדער־דערציִער און פּעדאַגאָג האָט געזאָגט: "ווען איך וואָלט מיט דער בלויזער צוטיילונג פון קאַלאָריעס, וואָס איך האָב באַקומען פאַר מיין קינדערהיים, געזאַרפט באַשפּייזן אַלע קינדער, וואָלט נישט געקומען לאַנג און אַלע קינדער וואָלטן אויסגעשטאָרבן".

יאַנוש קאָרטשאַק האָט געהאַלטן, אַז אין אַזעלכע גורלדיקע טעג דאַרף מען בכלל נישט באַשפּייזן די ניי־געבוירענע זויגקינדער. דעם הייליקן קינדער־דערציִער, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן מקריב געווען פאַרן קינד, וועט דאָך קיינער נישט חושד זיין, אַז ער איז גאָר פעיִק געווען דעם קינד עפּעס שלעכטס צו טאָן. ער איז אַרויס פון דער מסקנה, אַז קודם־כל דאַרף מען

ראַטעווען די קינדער, וואָס האָבן שוין פיל־ווייניק פאַרזוכט דעם טעם פון לעבן.

דער פּראָצעס פון שווינדזוכט־קראַנקהייט האָט זיך פאַרשפּרייט נישט נאָר ביי די קינדער פון געטאָ. אַלאַ גאַלאַמב האָט איבערגעגעבן, אַז אויך ביי די סטודענטקעס פון די סאַניטאַר־קורסן וואָס מען האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ, האָט די מערהייט פון זיי געהאַט גאַלאָפּ־שווינדזוכט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון אונטערדערנערונג און פון מאַנגל פון קאַלאָריעס. אין דער צייט ווען אַ דייטש אין וואַרשע האָט באַקומען 2380 קאַלאָריעס אַ טאָג, האָט מען פאַר אַ ייד צוגעטיילט 184 קאַלאָריעס.

אַ וואָגיקע ראָל ביים לינדערן די הונגער־מגיפה אין געטאָ, האָט געשפּילט דער שמוגל פון שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מען האָט אַריבערגעבראַכט פון דער אַרישער זייט.

אַן אומשאַצבאַרע ראָל ביי דעם שמוגל האָט געשפּילט דאָס יידישע געטאָ־קינד. די געטאָ־קינדער זענען, אַ דאַנק זייערע מעשים, דערגאַנגען צו מאָראַלישער דערהויבנקייט. זיי, די קינדער, האָבן אין דער גורלדיקער צייט איבערגענומען די פליכטן פון דערוואַקסענע. די געטאָ־קינדער האָבן אויף זיך גענומען דעם גאַנצן שווערן עול פון זייערע עלטערן. זיי זענען געוואָרן די פּרנסה־געבערס פון די יידישע היימען. יידישע קינדער זענען, איינשטעלנדיק זייער לעבן, געקראָכן איבער מויערן, איבער דראָט־פאַרצוימונגען, דורך לעכער, כדי פון דער אַרישער זייט אַריינצושמוגלען אין געטאָ אַ שטיקל ברויט, צי אַ פּאָר קאַרטאָפל — אַזוי אַרום צו ראַטעווען זייערע עלטערן פון הונגערטויט. נישט איין קינד איז דערביי געבליבן הענגען אויף די דראָט־פאַרצוימונגען, געטראָפן פון אַ דייטשער קויל.

דעם 10טן נאָוועמבער 1941 האָבן זיך אויף די מויערן פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע באַוויזן באַקאַנטמאַכונגען, מיט דער אונטערשריפט פונעם וואַרשעווער גובערנאַטאָר, פישער, אַז עס ווערט איינגעפירט טויטשטראָף פאַר יידן וואָס וועלן פאַרלאָזן דעם פּאַר זיי באַשטימטן וווינגגעביט (לייען: געטאָ).

דאָס ווערט געטאָן — ווי עס ווערט ווייטער געזאָגט אין דער מודעה, כדי צו פאַרמיידן דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון טיפוס, וואָס הערשט אין יידישן וווינגעביט. די זעלביקע שטראָף וועט אויך אָנגעווענדעט ווערן קעגן יעדן

איינעם אויף דער אַרישער זייט, וואָס וועט לאָזן ביי זיך איבערנעכטיקן אָדער אויסבאַהאַלטן אַ ייִד און אים דערטיילן וועלכע־עס־איז הילף.

און שוין צוויי טעג שפּעטער — דעם 12טן נאָוועמבער 1941 — זענען דערשאָסן געוואָרן 8 ייִדישע מענער און פרויען, צווישן וועלכע עס זענען געווען צוויי נישט־פּאָליאַריקע, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן ביים אַריבער־גיין פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, כדי איינצוקויפן אַ ביסל שפּייז.

און וויפל קינדער פון געטאָ האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן ביים שמוגלען געווער אין געטאָ אַריין, ביים פאַנאַנדערטראָגן אומלעגאַלע ליטעראַטור, צי אין די קאַמפן פון געטאָ־אויפשטאַנד, און שפּעטער — בעת די קאַמפן אויף דער אַרישער זייט, און אין אַלגעמיינעם פּוילישן אויפשטאַנד ?!

200 גערטנדלעך פאַר די געטאָ־קינדער

אַלאַ גאָלאָמב האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי און אַרבעט ביים אָרגאַניזירן קינדער־גערטנער אונטערן פרייען הימל. עס דאַרף דערביי אונטער־געשטראָכן ווערן, אַז אויף דעם געביט האָט אויך „טאָפּאָראָל"* אַ סך אויפֿ־געטאָן. די געזעלשאַפטלעכע טוערס, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „טאָפּאָראָל", האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו געבן די קינדער אַ מעגלעכקייט צו געפינען זיך אַ פּאָר שעה אין טאָג אונטערן פרייען הימל, אין אַ פרייער, ווי ווייט מעגלעך, אַטמאָספער, און צו געניסן פון אַ ביסל פרישע לופט.

און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אויפטועו אין דער הילפאַרבעט פאַר די קינדער אין געטאָ. ווו נאָר אַליידיקער פלאַץ נאָך אַ באָמבאַרדירט הויז, ווו נאָר אַ חורבה, האָט מען עס פאַרוואַנדלט אין אַ קינדער־גערטנדל. מען האָט דאָרט פאַרזייט בלומען, גראָז, גרינצייג. 200 אַזעלכע פלעצער זענען אין געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמעקנדיקע גערטנדלעך. אַ סך פון די חורבות זענען מגולגל געוואָרן אויף אין שפּיל־פלעצער פאַר קינדער, מיט אַלע נייטיקע דערצו שפּיל־איינריכטונגען.

אַלאַ גאָלאָמב פלעגט אָפט באַזוכן די אַלע פלעצער, נישט בלויז צו אינסטרואירן די פלעגערינס, וואָס די געזונטהייט־אָפּטיילונג האָט צוגעטיילט פאַר די גערטנדלעך, נייערט זיך אַליין באַטייליקן אין די שפּילן מיט די קינדער.

די מלחמה האָט דאָך ביי די ייִדישע קינדער צוגענומען אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט. מען האָט ביי זיי צוגערויבט די פרייהייט, דערמאָרדעט

* "Toporol" — געזעלשאַפט צו שטיצן און אַנטוויקלען לאַנדווירטשאַפט צווישן ייִדן.

זייער קינדהייט, זייער גלויבן אין מענטש, און אַפילו — די מעגלעכקייט איינצוועטעמען אין זיך פרישע לופט.

אַלאַ גאַלאָמב האָט זיך באַמיט צו פאַרשאַפן די קינדער וואָס מער פרייד, אין וועלכער זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק געבייטיקט. זי פלעגט די קינדער דערציילן מעשהלעך, וועלכע זי האָט אויפן אָרט, און לויט די אומשטענדן, אימפּראָוויזירט, געזונגען פאַר זיי און מיט זיי לידער. אַלאַ׳ס — אָדער ווי אַלע האָבן זי גערופן: גאָלעמביאַנקאָ — דערשיינען פאַר די קינדער איז געווען פאַר זיי אַ גרויסער יום־טוב. האָט זי זיך טאַקע באַמיט וואָס עפטער זיי צו באַזוכן.

— זיי בייטיקן זיך דאָך אַזוי שטאַרק אין אַ ביסעלע פרייד, — האָט זי געזאָגט, — און זייער פרייד איז דאָך מיין פרייד, וויל איך עס זיי געבן אין אַ פולער מאָס.

און זי האָט זיך באַמיט אָנצוהאַלטן זייער פרייד ווי לאַנג עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ליידער איז זייער גורל, דער גורל פון די ייִדישע קינדער, שוין פון לאַנג געווען אַ געחתמעטער.

צום שבת פון דער געזעלשאַפט „טאָפּאָראָל" דאַרף אויך צוגעשריבן ווערן דאָס גרינדן אין געטאָ קורסן פאַר לאַנדאַרבעטער אויף עלעקטאָראַלנע 12, ווו עס האָבן דורכגעמאַכט דעם קורס 700 יונגעלייט. 20 אַגראָנאָמען זענען דאָרט געווען אָנגעשטעלט ווי אינסטרוקטאָרן. אויך זייער גורל איז שוין פון פריער געווען געחתמעט.



די מויער אין וואַרשעווער געטאָ, דורך וועלכער מע האָט געשמוגלט. 1941.



הונגער־קראַנקע קינדער.



אומשלאַג־פּלאַץ

הונגער און טיפוס — הויפּטמאָטיוו פון טאָגטעגלעכן לעבן

די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ דאַרף געטיילט ווערן אויף צוויי פּעריאָדן: דער ערשטער — ביז דעם 22סטן יולי 1942 — איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון מאַסן־הונגער, דער צווייטער — אָנהייבנדיק פון דעם 22סטן יולי — אונטערן צייכן פון מאַסנטויט.

דער הונגער אין געטאָ האָט זיך געהאַלטן אין איין שטאַרקן, און די טיפוס־עפּידעמיע איז געוואַקסן פון שעה צו שעה.

די געטאָ־דאָקטוירים — געווען אין געטאָ 750 ייִדישע דאָקטוירים — האָבן פאָראויסגעזאָגט, אַז ווינטערצייט 1941/42 וועט יעדער פינפטער ייִד קראַנק זיין אויף טיפוס; אַנדערע, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז יעדער צווייטער ייִד וועט זיך אָנשטעקן מיט דער דאָזיקער מחלה.

האָט זיך אין געטאָ אָנגעהויבן אַ גרויסע אַקציע, כדי צו באַקעמפן דעם טיפוס. די געזונטהייט־אָפּטיילונג און שפּיטאָל־וועזן, ווו אַלאַ גאָלאָמב האָט געאַרבעט ווי די הויפּט־קראַנקנפלעגערין פון געטאָ, האָט אָנגענומען שטרענגע מיטלען, באַמיִענדיק זיך צו באַקעמפן די עפּידעמיע. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן סאַניטאַרע בריגאַדעס, וועלכע האָבן אָבער, אַנשטאָט צו העלפן לינדערן די לאַגע, באַקעמפן דעם טיפוס, אים נאָך מער געשטאַרקט און פאַנאַנ־דערגעשפּרייט. די דעזינפעקציע־קאָלאָנעס זענען נישט געשטאַנען אויף דער הייך פון זייערע אויפגאַבן אין די דאָזיקע פאַר אונדז שווערע טעג.

צו קויפן אַנטי־טיפוס־איינשפּריצונגען האָבן זיך נישט אַלע געקאָנט דער־לויבן. די אָרעמע מאַסן — זיכער נישט. איין דאָזע סערום־איינשפּריצונג האָט געקאָסט פון 500 ביז 600 זלאָטעס, — פאַר יענער צייט אַ גרויסע סומע געלט.

אין די שפּיטאָלן האָבן זיך נאָך געפונען אַ ביסל סערום־איינשפּריצונגען,

אַ דאַנק די באַמיִונגען פון אַלאַ גאַלאַמב ביי אירע קריסטלעכע פריינד פון דער סאָציִאַלער שוץ אויף דער אַרישער זייט. די איבעריקע איינשפּריצונגען האָט דער שפּיטאָל געמוזט ברענגען פון ווײַגעלס אינסטיטוט אין לעמבערג.

ווי דער שטייגער איז, האָבן זיך אין אַזעלכע פאַלן געפונען „מאַכערס״, וואָס האָבן אויסגעניצט די קאָניוקטור און אָנגעהויבן אַ מאַסן־האַנדל מיט דעם סערום. זיי האָבן געפעלשט דעם סערום, אַזוי, אַז די געקויפטע „איינשפּריצונג״ אויפן שוואַרצן מאַרק האָט נישט געהאַט קיין שום ווירקונג. אין אַ סך פאַלן איז מען אָנגעקומען צו גאַנץ פּרימיטיווע מיטלען: אויסגעשמירט דעם גאַנצן גוף מיט ליזאָל, און אַנדערע דעזינפעקציע־מיטלען.

אַלאַ גאַלאַמבן איז אויסגעקומען דורכצופירן אירע אינספּעקציעס אין די פּליטים־פּונקטן און וווינונגען, וווּ עס האָט זיך מאַסנווייז קאָנצענטרירט די אָרעמקייט. זי האָט אַלץ געטאָן, כדי אויסצובעסערן דעם מצב און צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די אומגליקלעכע מענטשן. אָבער צוליב די באַדינגונגען וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן, איז עס געווען אַ ביז גאָר שווערע אויפגאַבע. פּשוט אַ דאָן־קיכאָטישער קאַמף מיט ווינטמילן.

איין מאָל, ווען אַלאַ איז צוריק געקומען פון אַזאַ אינספּעקציע אין אַ פאַרוואָרפן הויז אין דעם אָרעמקייט־קוואַרטאַל, איז זי, די תמיד לעבנסלוסטיקע און מוטיקע פרוי, געווען שטאַרק דעפּרימירט און נידערגעשלאָגן. דעם דאָזיקן פאַל האָט מיר דערציילט אַלאַ׳ס אַ מלאָוועד לאַנדסמאַן, ד״ר יוסף מאַקאָווסקי, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין דער געזונטהייט־אָפּטיילונג אין וואַרשעווער געטאָ.

דעם עפּיזאָד, וואָס האָט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן, האָט אים איבערגעגעבן אַלאַ גאַלאַמב. דאָס איז געשען מיט צוויי יונגע מיידלעך — שוועסטערס, וואָס האָבן געהערט צו דער גרויסער צאָל אַלאַ׳ס פּאַציענטינס.

זי האָט אַ מאָל די מיידלעך געפונען ליגן אויסגעהונגערטע אויף די טרעפּ פון אַ הויז. זי האָט זיי אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל אַריין, ווו מען האָט זיי פּילווייניק צוריקגעשטעלט אויף די פיס, און געקאָנט אויסשרייבן פון שפּיטאָל.

די מיידלעך האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל מיט אַ קיכל אויף דער גענשע גאַס, נאָענט צום יידישן בית־עולם. זיי זענען געווען די איינציקע לעבן־געבליבענע פון אַ גרויסער משפּחה, וואָס האָט פאַרנומען די דירה. זייערע עלטערן, ווי אויך די איבעריקע קינדער פון דער משפּחה, זענען אין משך פון אַ קורצער צייט געשטאָרבן פון הונגער, אָדער פון טיפוס.

אַלאַ האָט די צוויי אונטערדערנערטע מיידלעך געשענקט ספּעציִעלע

אויפמערקזאַמקייט. נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט אַלאַ זיי געהייסן ווייטער קומען יעדן טאָג צו זיך, כּדי זיי צו באַשפּייזן און אַזוי אַרום צו שטאַרקן.

אַזוי ווי עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און די מיידלעך האָבן זיך נישט באַוויזן אויפן באַשטימטן פּלאַץ, איז אַלאַ, אַן אומרויִקע, אַוועק צו זיי. ווען אויפן קלאַפּן אין דער טיר און אויפפאָדערן זי צו עפענען האָט זיך קיינער נישט אָפּגערופן, האָט אַלאַ, מיט דער הילף פון שכנים, אויפגעריסן די טיר.

אין אַן אייזקאַלטן צימער האָט מען דערזען פאַר זיך אַ שוידערלעך בילד: אויף אַ שטרויזאַק איז געלעגן די עלטערע שוועסטער איבערגעדעקט מיטן טויטן קערפּער פון דער ייִנגערער. דאָס לעבעדיקע מיידל איז געלעגן, האַלב־משוגע, אַ געשוואָלענע פון הונגער, און זיך געוואַרעמט אונטערן קאַלטן קערפּער פון דער טויטער. איבער זיי זענען אַרומגעלאָפן שטשורעס — גרויסע, ווי קעץ.

פאַרשאַרבעט וועגן הונגער — צוואה פון יידישן געטאָ־דאָקטאָר

ווען מען האָט דעם טשיסטע־שפּיטאָל אַריבערגעפירט אין געטאָ, האָט מען דעם קינדער־שפּיטאָל, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אין געטאָ, אויף ראָג לעשנאָ און זשעלאַזנע, אַריבערגעטראָגן אויף סטאַווקי 6. דאָס איז געשען בעת די גרעסטע פרעסט, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין וואַרשע. אויף ראָג לעשנאָ און זשעלאַזנע האָט מען איינגעאָרדנט די אָפּטיילונג פון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די דייטשן באַפוילן ווידער אַריבערצוטראָגן דעם קינדער־שפּיטאָל פון סטאַווקי צוריק אויף לעשנאָ־זשעלאַזנע און די אָפּטיילונג פון אַנשטעקנדיקע קראַנקע מיט די דערוואַקסענע קראַנקע — צוריק אויף סטאַווקי.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו אַרבעטן דעם שפּיטאָל־וועזן, און אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געדאַרפט אין געטאָ באַקעמפן די עפּידעמיעס און הונגער. און הגם דער הונגער האָט געבושעוועט אין געטאָ, און מענטשן זענען מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן, איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַן איבערמענטשלעכער געראַנגל, ממש אַן עקשנותדיק קלאַמערן זיך אין לעבן, אַן אומבאַשרייבלעכער ווילן איבערצולעבן די מלחמה.

אַלאַ גאָלאָמבס פּאַטראָן, דער אומדערמידלעכער ד״ר י. מילייקאָווסקי, לייטער פון דער געזונטהייט־אָפּטיילונג, וועלכער האָט אַלץ געטאָן, כדי צו באַקעמפן דעם הונגער און עפּידעמיעס, האָט פאַרשטאַנען, אַז די טראַגישע דערשיינונג פון מאַסן־הונגער, דאַרף אויסגענוצט ווערן צו וויסנשאַפטלעכע צוועקן — די מענטשהייט זאָל נאָך דער מלחמה, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, קאָנען לערנען ווי אַזוי אויסצומיידן אַזעלכע קאַטאַסטראָפאַלע דערשיינונגען.

אין נאָוועמבער 1941 האָט אַ גרופּע דאָקטוירים, אויף דער איניציאַטיוו פון ד״ר מילייקאָווסקי, באַשלאָסן צוצוטרעטן צו אַ גרינטלעכער פאָרשאַרבעט

וועגן דער אַנטשטייונג פון פאַרשידענע פאָרמען פון הונגער־קראַנקייטן. די אַרבעט דאַרף זיין אַ מין צוואה פון יידישן דאָקטאָר אין געטאָ.

דער הונגער איז דאָך אין יענעם צייטאָפּשניט געווען דער הויפּטמאָטיוו פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין דעם הערמעטיש פאַרמאַכטן און איזאָלירטן וואַרשעווער געטאָ. ממילא איז דער הונגער געווען די אַקטועלסטע טעמע פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. ד"ר מילייקאָווסקין איז געלונגען צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטע, קאָלעקטיווע פאָרשאַרבעט וועגן הונגער אין געטאָ און וועגן זיינע פאָלגן.

דער הונגער אין געטאָ האָט צווישן אַנדערע דערפירט צו ענדערונגען ביי פרויען אין זייער מאָנאַטלעכע. לרוב איז ביי די פרויען אין געטאָ בכלל פאַרשווונדן די מאָנאַטלעכע, פונקט ווי עס איז ביי זיי פאַרשווונדן די שוואַנגערשאַפט. אין גאַנץ זעלטענע פאַלן זענען געבוירן געוואָרן קינדער, אָבער זיי האָבן נישט לאַנג געלעבט.

צו דער פאָרשאַרבעט וועגן הונגער און זיינע פאָלגן, וואָס האָט געמוזט געפירט ווערן אין דער גרעסטער קאָנספּיראַציע, כדי עס זאָל נישט דערגיין צו די דייטשן, האָט ד"ר מילייקאָווסקי צוגעצויגן אַ ריי אָנגעזעענע דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ. מיט זיי האָט מיטגעאַרבעט אַ קליינע גרופּע מענטשן, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצוקלייבן און צוצושטעלן די געהעריקע קראַנקע פונעם שפּיטאָל און פּליטים־פּונקטן, און אויך דורכצופירן טעכנישע אויפגאַבעס. בראָש פון דער צווייטער גרופּע האָט ד"ר מילייקאָווסקי באַשטימט אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קאַטעגאָריע הונגער־קראַנקייטן פון די אַזוי גערופענע „ריינע" פאַלן, וואָס זענען געווען פריי פון שווינדזוכט, אַוויטאַמינאָזע און הונגער־שילשול. די קראַנקע האָט מען געדאַרפט ברענגען הויפּטזאַכליך פון די פּליטים־פּונקטן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר זיי ספּעציעל באַשטימטע „הונגער־זאַלן" אין די שפּיטאָלן (טשיסטע און בערסאָן און באַומאַן). דאָרט האָבן זיך מיט זיי אָפּגעגעבן די באַשטימטע דערצו דאָקטוירים, וואָס האָבן די „הונגער־קראַנקע" גענומען אונטער זייער אָבסערוואַציע.

מיט דעם אויסקלייב פון די הונגער־קראַנקע אין די פּליטים־פּונקטן, האָט זיך פאַרנומען הויפּטזאַכלעך, אַלאַ גאָלאָמב.

די אייגנטלעכע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש פעברואַר 1942. מען האָט אָבער די פאָרשאַרבעט געמוזט איבעררייסן דעם 22סטן יולי 1942,

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ברוטאַלע „אויסזידלונגען״ פון וואַרשעווער געטאָ.

נאָכן קומען אַ ביסל צו זיך נאָך די בלוטיקע געשעענישן, האָט מען, אין חודש אָקטאָבער 1942, זיך ווידער גענומען צום אָנגעזאַמלטן פאָרש־מאַטעריאַל און צוגעטראָטן צום ווייטערדיקן עטאַפּ: צונויפשטעלן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן די ביז דעמאָלט אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן, און צו באַשרייבן די רעזולטאַטן פון דער פאָרשונג.

ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער ביז גאָר וויכטיקער אַרבעט, ד״ר י. מילייקאָווסקי, איז די פאָרשונג געווען, אַרויס־גייענדיק פון דער געשיכטלעכער זייט, אַ נישט פאָרענדיקטע סימפאָניע, דערפאַר אָבער אַן אינהאַלטרייכער דאָקומענט פון אַ צום טויטפאַרמשפּטן יִדישן געטאָ־דאָקטאָר.

צוליב דער שטרענגער קאָנספּיראַציע, האָט מען דאָס צונויפזאַמלען און דאָס באַשרייבן די אויסגעפאָרשטע מאַטעריאַלן געמוזט דורכפירן, נישט אין די שפּיטאָלן, נאָר ווייט אַוועק פונעם פלאַץ, ווו עס איז אָנגעגאַנגען די אייגנטלעכע פאָרשאַרבעט.

מען האָט דערצו אויסגעקליבן דעם יִדישן בית־עולם, וואָס איז געלעגן פון יענער זייט געטאָ־מויער, אויף דער אַרישער זייט. דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין איינער פון די געביידעס פונעם בית־עלמין. דאָס אַליין האָט שוין סימבאָליזירט דעם הינטערגרונט און די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו לעבן און צו שאַפן אין געטאָ.

און עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז נישט געקוקט אויף דער געפאַר און אויף די גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע די אָפּפערווילליקע יִדישע דאָקטוירים האָבן זיך כסדר אָנגעשטויסן, ווי אויך אויפן פעלן פון די נייטיקע טעכנישע מיטלען און אַפּאַראַטורן, האָבן זיי זיך מיט לייב און לעבן אַריינ־געוואָרפן אין דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו באַרייכערן די וויסנשאַפט פון דער מענטשהייט.

נישט קיין קלענערן פאַרדינסט פאַר דער זאַך, האָט געהאַט דער גאַנצער הילף־פּערסאָנאַל, מיט אַלאַ גאָלאָמב בראָש, וואָס האָט, איינשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, געהאָלפן אַריבערטראָגן די געזאַמלטע מאַטעריאַלן צו דער געביידע אויפן יִדישן בית־עולם. דער זעלביקער שבח קומט אויך דעם אינטענדאַנט פונעם וואַרשעווער בית־עולם, פּאָזנער, און זיין סעקרעטאַרין ראָזאַ לעסעלבאום־טראָקענהיים, ביי וועלכער אַלאַ גאָלאָמב האָט געפּויעלט,

אַז דאָרט זאָל דערלויבט ווערן צו באַאַרבעטן און צייטווייליק אויסצובאַהאַלטן די פּאַרש־מאַטעריאַלן.

ווי מען האָט שוין געקאָנט פאָראויסזען, וועט מען נישט אויסמיידן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. מען האָט דעריבער אין אַ צוגעאייַלטן טעמפּאָ איבערגעשריבן דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אויף אַ שרייבמאַשין און אים איבערגעשיקט אויף דער אַרישער זייט צום דירעקטאָר פון דער צווייטער קליניק פאַר אינערלעכע קראַנקייטן ביים וואַרשעווער אוניווער־זיטעט, פּראָפעסאָר ד״ר וויטאָלד אָרלאָווסקי. אַזוי אַרום האָט מען פאַרזיכערט אַז די אַזוי וויכטיקע זאַמלונג פון פאָרש־מאַטעריאַלן זאָל נאָך דער מלחמה קאָנען באַקאַנט ווערן דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. פּראָפעסאָר אָרלאָווסקי האָט זיך אונטערגענומען אויסצובאַהאַלטן די דאָזיקע מאַטעריאַלן.

נאָך דער מלחמה איז די קאָלעקטיווע אַרבעט דערשינען אין אייניקע שפּראַכן אונטערן נאָמען „הונגער־קראַנקייט" (אַ קלינישע פאָרשונג איבער הונגער, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ).

אַלאַ גאַלאַמבס גרויסע רעטונגס־אַקציע אויפן אומשלאַגפּלאַץ

אָנהייב זומער 1942 האָבן אָנגעהויבן צו דערגיין צו אונדז ידיעות פון דער פּראָווינץ, אַז די ייִדישע קינדער אונטער 12 יאָר ווערן דורך די דייטשן צוגענומען פון זייערע עלטערן און אַוועקגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. די דייטשן האָבן פאַרזיכערט, אַז די קינדער ווערן אַוועקגעשיקט אין אַ ספּעציעל פאַר זיי געשאַפענער קינדער־שטאַט, ווו זיי ווערן זאָרגפעליק באַהאַנדלט.

די דאָזיקע ידיעות האָבן אַרויסגערופן אין געטאָ אַ פּאַנישע שטימונג. מען האָט אָנגעהויבן איבערצומאַכן די יאָרן פון די קינדער און אויסאַרבעטן פאַר זיי געפעלשטע מעטריקעס אויף עלטערע יאָרן. די מער פאַרמעגלעכע ייִדן, אָדער די, וואָס האָבן געהאַט פּוילישע פריינד, האָבן זיך באַמיט איינצואָרדענען ביי זיי זייערע קינדער. אָבער דאָס זענען געווען איינצלנע פאַלן. מען האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אָנהייבן אַן אָרגאַניזירטע אַקציע צו ראַטעווען וואָס מער קינדער.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן אין געטאָ די „אויסזידלונגען“, און די ערשטע קרבנות זענען געווען די קינדער. זיי זענען געוואָרן רעכטלאָז. מען האָט זיך נאָך זיי נאָכגעיאָגט איבער די גאסן, אַזוי ווי הינטשלעגער נאָך הינט. מען האָט די קינדער אַרויסגעפירט פון די אינטערנאַטן און אַוועקגעפירט צום אומשלאַגפּלאַץ, ווו מען האָט זיי גלייך אַריינגעשטופּט אין די פי־וואַגאָנען.

אָנהייב סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן ליקווידירט דעם שפּיטאָל טשיסטע, וואָס האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ גאַס, זינט חודש פעברואַר 1941. אַלע קראַנקע האָט מען אַרויסגענומען פון די בעטן, אַרויפגעלייגט

אויף פלאַטפאָרמעס און אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל אויף סטאַווקי, וואָס האָט געגרענעצט מיטן אומשלאַגפּלאַץ.

די מערהייט דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס האָט מען פאַנאַנדער־געטיילט אין די פאַרשידענע שאָפּן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין געטאָ. פאַר די שאָפּ־אַרבעטער איז געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָרט־שפּיטאָל.

לויט דער איניציאַטיוו פון אַלאַ גאָלאָמב האָט די געזונטהייט־אָפּטיילונג און דאָס שפּיטאָל־וועזן אין וואַרשעווער געטאָ אַרויסגעקריגן אַ דערלויבעניש פון דער מאַכט אויפצושטעלן אויפן אומשלאַגפּלאַץ אַן אַמבולאַטאָריע פאַר קראַנקע. דאָרט האָט מען מכלומרשט געדאַרפט דערטיילן ערשטע מעדיצי־נישע הילף אַלע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע, וועלכע מען האָט געדאַרפט פון אומשלאַגפּלאַץ אַוועקשיקן „אויף מזרח”, אויף מכלומרשטער אַרבעט.

איינצואָרדענען די דאָזיקע אַמבולאַטאָריע האָבן זיך ענערגיש גענומען דער אומדערמידלעכער באַאַמטער פון יידנראַט נחום רעמבאַ און אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג. זיי האָבן די דאָזיקע אַמבולאַטאָריע אויפגעשטעלט בשכנות פון די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען. מען האָט דאָרט אין די צוויי קליינע צימערן אַריינגעשטעלט אייניקע בעטלעך מיט פרישע איבערצוג, גרייט אויפצונעמען קראַנקע. אין דער אמתן זענען דאָרט קיין קראַנקע נישט געווען. דאָס אַלץ איז געווען אַ קאָמופלאַזש פאַר די מענטשן, וואָס רעמבאַ און גאָלאָמב האָבן געראַטעוועט פון אומשלאַג און זיי געהאַלטן דאָרט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט זיי מיטן שפּיטאָל־אַמבולאַנס פון געטאָ געקאָנט אַרויס־פירן פונעם אומשלאַגפּלאַץ.

צו דער רעטונגאַקציע פון אומשלאַגפּלאַץ זענען צוגעצויגן געוואָרן אַ פּאָר דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס. ווי דער הויפּטדאָקטאָר איז אָנגעגאַנגען נחום רעמבאַ, וועלכער האָט, צוזאַמען מיט אַלאַ גאָלאָמב, אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַקציע. זייער אויפגאַבע איז געווען נישט אַזוי ווייט צו דער־טיילן מעדיציניש הילף, ווי אַרויסצוראַטעווען יידן פון אומשלאַגפּלאַץ און צוריקברענגען אין געטאָ אַריין. צו זייער דיספּאָזיציע איז געשטאַנען דער אַמבולאַנס פון דער געזונטהייט־אָפּטיילונג, מיט וועלכער מען האָט אַרויס־געפירט די מענטשן.

דאָס אַרויספירן פון אומשלאַג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: די דערוואַקסענע מענער האָט מען אָנגעטאָן אין די דאָקטוירים־קיטלען, מיטן רויטן מגן־דוד אויפן אַרבל; די פרויען — אין די קראַנקנשוועסטער־כאַלאַטן. די קינדער האָט מען באַהאַלטן אונטער דער באַנק פון אַמבולאַנס.

אַלאַ גאַלאַמב האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט דער הילף פונעם אַמבולאַנס. זי האָט אונטער איר ברייטער קראַנקנשוועסטער־פעלערינע אַרויסגעטראָגן קליינע קינדער פון אומשלאַגפּלאַץ. גאַר קליינע קינדער פלעגט זי געבן אַ שלאָפמיטל, כדי זיי זאָלן נישט פּאַראַטן מיט געוויין.

ביי דער גרויסער ענגשאַפט און דעם געדראַנג, וואָס האָט געהערשט אויפן אומשלאַגפּלאַץ, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז עלטערן האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער, פרויען זענען געוואָרן אָפּגעריסן פון זייערע מענער און ברוטאַל אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען. אין די מערהייט פאַלן האָבן זיך די משפחות, ווען אַפילו עמעצער פון זיי איז דורך די דייטשן בעת דער סעלעקציע באַפרייט געוואָרן, נישט געוואָלט צעשיידן און זענען אַלע צוזאַמען אַריין אין די וואַגאָנען.

דריי מאָל אַ טאָג זענען די פול געפּאַקטע צוגן אָפּגעגאַנגען פונעם אומשלאַגפּלאַץ: 8 אַ זייגער אין דער פרי, 12 און 4 אַ זייגער מיטאָגצייט.

דאָס אָפּראַטעווען מענטשן אויפן אומשלאַגפּלאַץ האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן אויף אַזאַ אופן. דער עס־עס־קאָמענדאַנט פון אומשלאַג־פּלאַץ האָט זיך דערוווּסט וועגן דער פיקטיווער אַמבולאַטאָריע, וואָס האָט זיך דאָרט געשאַפן, און געשיקט רופן צו זיך דעם „הויפּטדאָקטאָר". רעמבאַ האָט אָבער באַוויזן רעכטצייטיק צו פאַרשווינדען פון פּלאַץ. אַזוי אַרום איז געלונגען אָפּצונאַרן די ראַפינירטע דייטשן, — זאָל זיין כאָטש אויף אַ קורצער צייט. ביז די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט אויף דעם דאָזיקן „ייִדישן שפּיצל", איז דערווייל געלונגען פיל הונדערטער ייִדן, טאָג־טעגלעך, אַרויס־צוקריגן פון דעם אומשלאַג־גיהנום.

די אַמבולאַטאָריע מיט דעם אַמבולאַנס זענען טאַקע ליקווידירט געוואָרן, אָבער די אַקציע פון אָפּראַטעווען ייִדן פון אומשלאַגפּלאַץ איז דורך דער העלדישער אַלאַ גאַלאַמב ווייטער אָנגעגאַנגען. זי האָט עס געטאָן אויף פאַר־שידענע אופנים, פירנדיק אַזוי אַרום אַ קאַמף מיט דער דייטשער אויס־ראָטונגס־מאַשין.

יאַנינא בראַנדוויין, די טאָכטער פון ד"ר העראָנים בראַנדוויין, געוועזענער דאָקטאָר פון רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט פון דער שטאָט וואַרשע, האָט אין איר גבית־עדות איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס האָט אַ שייכות צו אַלאַ גאַלאַמבס מסירת־נפשדיקער רעטונגס־אַקציע.

אין ערשטן עטאַפּ פון די „אויסזידלונגען" אין וואַרשעווער געטאָ, ווען עס זענען פאָרגעקומען בלאָקאַדעס אין די גאַסן, האָבן זייער אָפט נישט

געהאָלפֿן די לעגיטימאַציעס פֿון דאָקטוירים. מען האָט געכאַפּט דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס, צעריסן זייערע לעגיטימאַציעס און זיי געבראַכט אויף דעם אומשלאַגפּלאַץ.

כּדי זיי פֿון דאָרט אַרויסצופֿירן, האָט מען זיי אין דער אַמבולאַטאָריע אַרומגעוויקלט מיט באַנדאַזשן, ווי מכלומרשט פֿאַרוווּנדעטע, און מיט דעם אַמבולאַנס צוריקגעבראַכט אין שפּיטאָל אַריין, אין געטאָ. כּדי אין גאַנצן צו זיין זיכער, אַז מען וועט זיי נישט פֿאַרהאַלטן, פֿלעגט מיט זיי מיטפֿאָרן אַלאַ גאָלאָמב אָדער דער „הויפּטדאָקטאָר" רעמבאַ.

עס איז אויך געווען אַ גרויסער פּראָבלעם מיט די עלטערן פֿון די דאָק־טוירים. אין די ערשטע טעג פֿון דער „אויסזידלונג", האָט מען נאָך אָנערקענט דאָס „רעכט צום לעבן" פֿאַר די פֿרויען און קינדער פֿון דאָקטוירים, אָבער — נישט פֿאַר זייערע עלטערן. האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן צו ברענגען זייערע עלטערן אין שפּיטאָל אַריין, אין וועלכן זיי האָבן געאַרבעט, און זיי דאָרט אויסבאַהאַלטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער דירעקטאָר פֿון שפּיטאָל, ד"ר שטיין, דער־האַלטן אַ פֿאַרטרויליכע ידיעה, אַז עס גרייט זיך צו קומען אַהין אַ דייטשע קאָמיסיע, כּדי נאָכצוקאָנטראָלירן, צי אין שפּיטאָל ווערן נישט אויסבאַהאַלטן געזונטע מענטשן.

וועלנדיק ראַטעווען זייערע עלטערן פֿון דעפּאָרטאַציע, האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן דורכצופֿירן אָפּעראַציעס איבער זיי. דער כירורג ד"ר באַרקאָווסקי האָט צעבראָכן ביי זיין מוטער אַ ביין אין פֿוס; אַנדערע האָבן צעבראָכן ביי זייערע עלטערן אַ האַנט אָדער אַן אַנדער טייל ביין און זיי געהאַלטן אין גיפּס און אויף שינעס.

דער דייטשער דאָקטאָר (פֿון דער ווערמאַכט), וואָס איז געקומען אויף דער קאָנטראָל, האָט נישט געגלייבט אויפֿן וואָרט, נאָר גענוי אויסגעפֿאָרשט דעם צושטאַנד פֿון יעדן קראַנקן. ביי איינעם האָט ער אַפֿילו געהייסן אַראָפּ־נעמען דעם גיפּס, כּדי זיך צו איבערצייגן צי ער סימולירט נישט.

ליידער האָט דער דאָזיקער איינפֿאַל פֿון די ייִדישע דאָקטוירים אויך נישט געהאָלפֿן. דעם 6טן סעפּטעמבער 1942 האָט מען דעם טשיסטע־שפּיטאָל אַריבערגעטראָגן פֿון לעשנאָ גאַס אויף סטאַווקי, ביים אומשלאַגפּלאַץ. אַלע קראַנקע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אויפֿשטיין פֿון זייערע בעטן, צווישן זיי אויך די עלטערן פֿון די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס, זענען אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן. די קינדער פֿון די דאָקטוירים און קראַנקנ־

שוועסטערס, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שפּיטאָל, זענען געבראַכט געוואָרן אויף סטאַווקי. זיי זענען איצט געווען אין געפֿאַר צו זיין די ערשטע קרבנות פֿון דער „אויסזידלונג", ווייל זייער „לעבנסרעכט" איז שוין אויסגעגאַנגען.

ווען עס האָט די דייטשן אויסגעפֿעלט מענטשן צום טראַנספּאָרט, פֿלעגן זיי אַרויסשלעפּן אויך פֿון שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער גרויער געביידע ביים אומשלאַג. די שטימונג פֿון די דאָקטוירים איז געווען אַ דער־דריקנדיקע: ווי אַזוי וועט מען קאָנען אָפּראַטעווען די דרייצענדליק קינדער, וואָס געפֿינען זיך איצט דאָרט?

פּלוצלינג איז, צו דער גרויסער פֿרייד פֿון די עלטערן, אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז „גאָלעמביאַנקאַ" (אַלאַ גאָלאָמב) גרייט צו אַ פּלאַן ווי אַזוי אַרויס־צוראַטעווען פֿון דאָרט די קינדער און זיי צוריקברענגען אין געטאָ אַריין. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער פּלאַן איז רעאַליזירט געוואָרן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

יעדע פּאָר טעג פֿלעגט צו דער גרויער שפּיטאָל־געביידע אָנקומען פֿון געטאָ אַ גרויסער לאַסטוואָגן מיט פּראָוויאַנט פֿאַר דער קיך פֿון מעדיצינישן פּערסאָנאַל. אויף דעם דאָזיקן לאַסטוואָגן, האָט אַלאַ, מיט דער הילף פֿון אייניקע קראַנקנשוועסטערס, אַרויפֿגעלייגט די קינדער, איבערגעדעקט זיי מיט שטרוי, און אַזוי אַרום באַוויזן צוריקצוברענגען די 30 קינדער אין געטאָ אַריין.

דאָס מאָל איז די אונטערנעמונג, צו אַלאַ'ס גרעסטער פֿרייד, געלונגען. זי האָט אָבער שטאַרק געווייטיקט צוליבן פֿאַקט וואָס מיט אַ צייט פֿריער האָט זי נישט געקאָנט אָפּראַטעווען די 200 קינדער, וואָס זענען, בראָש מיט דעם קדוש יאַנוש קאָרטשאַק, געוואָרן אַריינגעשטופּט אין די פֿי־וואַגאָנען און אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען, וואָס זענען דעמאָלט געמאַכט געוואָרן, האָבן די דייטשן געוואָלט באַפֿרייען פֿון דער „אויסזידלונג" בלויז קאָרטשאַקן. ער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט צעשיידן מיט זיינע קינדער און איז צוזאַמען מיט זיי אַריין אין וואַגאָן.

אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג איז געווען באַקאַנט ווי דער גוטער גייסט פֿון אומשלאַגפּלאַץ, הגם עס האָבן נישט געפֿעלט מענטשן, וואָס האָבן געהאַט טענות צו איר, פֿאַר וואָס זי האָט זיי נישט געראַטעוועט. נישט אַלע מענטשן האָט מען דאָך געקאָנט ראַטעווען פֿון דער „אויסזידלונג". און אַפֿילו די, וואָס מען האָט היינט געראַטעוועט, האָט מען צו מאָרגנס, אָדער אַפֿילו

נאָך אין דעם זעלביקן טאָג, ווידער געכאַפּט און אַרויסגעשיקט. עס איז געווען ווי אַ פאַרכישופטע ראָד.

נישט איין מאָל האָט אַלאַ אַוועקגעגעבן איר קראַנקנשוועסטער־פּעלערינע אַ ווילד פרעמדער פרוי, וואָס האָט זיך צו איר געווענדט נאָך הילף אויפן אומשלאַגפּלאַץ, — „האָט רחמנות, גוטער מענטש, מיינע קליינע קינדער זענען פאַרבליבן אין געטאָ אַליין, פאַרשלאָסן אין שטוב.״

— גוט, — האָט אַלאַ געענטפערט, — טוט אָן מיין קראַנקנשוועסטער־פּעלערינע און גייט. שיקט זי מיר אָבער באַלד צוריק. איך וועל דאָ וואַרטן. איר האָט איבערגעלאָזט אייערע קליינע קינדער אַליין, מוזט איר דאָך קודם כל גיין.

פון אַלע זייטן האָט מען געהערט אויפן אומשלאַגפּלאַץ געשרייען:

— ראַטעוועט מיך, גאַלעמביאַנקאַ.

אַפילו — פון די וואַגאָנען.

אין די דאָזיקע פאַר אונדז שווערע טעג, פלעגט מען זען אַלאַ גאַלאָמבן צוריקקומען פון אומשלאַגפּלאַץ אַ צעווייטיקטע, אַ נידערגעשלאָגענע, ווי אַ שווערע מאַסע וואָלט געלעגן אויף אירע שטאַרק איינגעבויגענע פּלייצעס, פאַר וואָס זי האָט נישט געקאָנט אַרויסראַטעווען מער מענטשן פון דער דעפּאָרטאַציע. זי האָט זיך אין יענע טעג שטאַרק פאַרעלטערט. אירע פלאַמ־פייערדיקע אויגן האָבן אויסגעזען ווי אויסגעלאָשן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף געפינען אַנדערע וועגן ווי אַזוי דורכצופירן די הילף־אַקציע.

אַלאַ – ביים איינאָרדענען יידישע קינדער

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסזידלונגען פון געטאָ, האָבן די סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע טוערס געזוכט אַן אויסוועג פון דער קאַטאַסטראָ־פּולער סיטואַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די יידן, און קודם כל — די יידישע קינדער.

לויט די דייטשע געזעצן האָבן יידישע קינדער דעמאָלט נישט געהאַט מער קיין רעכט צום לעבן. אויך פון דער מערהייט דערוואַקסענע מענטשן איז דאָס דאָזיקע רעכט שוין פון לאַנג צוגענומען געוואָרן.

אין די ערשטע טעג פון דער „אויסזידלונג" האָט מען נאָך באַוויזן אַרויס־צוראַטעווען אַ געוויסע צאָל קינדער פונעם אומשלאַגפּלאַץ, אַ דאַנק דער מסירת־נפשדיקער אַרבעט פון דער דינאַמישער אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג, נחום רעמבאַ, ד״ר אַנאַ בראַודע־העלער און אַנדערע מענטשן, וואָס האָבן דערביי איינגעשטעלט זייער אייגן לעבן.

אָבער וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס געהאַט אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער צאָל קינדער, וואָס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן? און וויפל קינדער אָפּגעראַטעוועטע איין מאָל פון טראַנספּאָרט, האָט מען ביי אַ צווייטער „אַקציע" ווידער געבראַכט אויפן אומשלאַגפּלאַץ?

נישט אַלע יידן האָבן אָבער געהאַט אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען זייערע קינדער אויף דער אַרישער זייט. האָט מען די מערהייט פון די נאָך ביים לעבן איבערגעבליבענע קינדער אויסבאַהאַלטן אין בונקערס און לעכער.

אָבער ווי לאַנג וועט מען זיי קענען אַזוי אויסבאַהאַלטן אין געטאָ?

אין דער צייט, ווען די געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן געמאַכט פּלענער ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַ ברייט פאַרצווייגטע רעטונגס־אַקציע, האָט שוין די אומדערמידלעכע אַלאַ גאָלאָמב געמאַכט שטאַרקע באַמיִונגען אויף דער אַרישער זייט.

צווישן איין „אַקציע״ און דער צווייטער, פלעגט זיך אַלאַ אַריבערכאַפּן אויף דער אַרישער זייט און אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט אירע פריינד פון דער פּוילישער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. זי איז דאָך ביז דעם אויסברוך פונעם קריג געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע מיטאַרבעטערין פון דער פּוילישער סאָציאַלער קינדער־פאַרזאָרגונג ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט. אַ דאַנק אירע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, איבערגעגעבענער אַרבעט און פּערזענ־לעכע מעלות, האָט זי זיך דאָרט דערוואָרבן אַ סך פריינד.

אַלאַ גאָלאָמב איז טאַקע געווען די ערשטע, — און דאָס דאַרף אונטער־געשטראָכן ווערן — וואָס האָט באַוויזן צו פאַראינטערעסירן די פּוילישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן און זיי אַלאַרמירן וועגן דער געפאַר, וואָס עס דראָט די יידישע קינדער פון געטאָ.

אַ סך פאַרשטענדעניש האָט אַלאַ געפונען ביים לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער הילף ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט, יאַן דאָבראַטשינסקי,* ווי אויך ביי דעם סאָציאַליסטישן טוער פון לאָדזש — יוליאַן גראָבעלני, וואָס איז שפּעטער געשטאַנען בראָש פון זשעגאָטאַ״ ** — און איז באַקאַנט געווען אונטערן פסעוודאָנים „טראַיאַן״. אַלאַ האָט זיך אויך פאַרבונדן מיט אַלעקסאַנדראַ דאַרגעל, די דעמאָלטיקע פאָרזיצערין פון „ר.ג.אָ.״ *** און מיט דער מיטאַרבעטערין פון דער פּוילישער סאָציאַלער הילף: אירענאַ סענדלער, איינע פון די אַקטיוושטע און קרבנות־גרייטע אונטערערדישע טוערינס, וואָס האָט געהאָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן ביים ראַטעווען יידן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע ****, ווי אויך מיט וואַנדאַ ווירובאָוואַ, „מאַרעק״ (אַרטשינ־סקי) *****, זאַכערט און זאַוואַדזקאַ.

אין אַ געוויסן טאָג, נאָך דעם ווי אַלאַ איז צוריקגעקומען פון דער אַרישער זייט, האָט זי אונדז איבערגעגעבן, אַז אויך אייניקע מענטשן פון דער קאַטוילישער אָרגאַניזאַציע „פּאָפּ״ (Fop)******, האָבן אַרויסגעוויזן גרייטקייט איינצואָרדענען אַ געוויסע צאָל יידישע קינדער אין די קלויסטערס און אין

* אַ באַקאַנטער קאַטוילישער שרייבער.

** ראַט צו העלפן יידן "Zegota".

*** פּוילישער הויפּט־הילף־ראַט (R.G.C.).

**** באַקאַנט אונטערן פסעוודאָנים „יאָלאַנטאַ״, ביים ראַט צו העלפן יידן.

***** פּוילישער סאָציאַליסט, קאַסירער פון "Zegota".

****** Front Odrodzenia Polski —אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע.

די פוילישע יתומים־היימען. די קינדער װעלן דאָרט אַריינגעגעבן װערן, װי פוילישע יתומים, װעלכע מען האָט מכלומרשט געבראַכט פון דער פּראָװינץ. זיי װעלן פריִער מוזן דורכגיין אַן „איבערדערציִונג" אין פוילישע היימען, כּדי זיך אויסצולערנען די קריסטלעכע תּפילות, מידות און מנהגים.

חוץ די אויסגערעכנטע און אַנדערע נאָבעלע פּאָליאַקן — די חסידי־אומות־העולם, װעלכע האָבן אויפריכטיק געװאָלט העלפן, און טאַקע געהאָלפן ראַטעװען די ייִדן פון אומקום, זענען געװען אַ ריי גייסטיקע פירערס פון די קאַטוילישע רעליגיעזע קרייזן (אמת, נישט קיין צו גרויסע צאָל), װאָס האָבן זיך אויך באַצויגן פּאָזיטיװ צום געדאַנק פון ראַטעװען אַ פּאָר הונדערט ייִדישע קינדער, אין עלטער ביז 14 יאָר.

װאָס האָט געטריבן די פוילישע גייסטלעכע און װאָרטזאָגער פון דער קירך צו אַזאַ ברייטהאַרציקן, הומאַניטאַרן שריט? מעגלעך, אַז דאָס שולדגעפיל, פאַר װאָס זיי האָבן, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, גאָרנישט געטאָן צו ראַטעװען ייִדן בעת די אויסזידלונגען; פאַר װאָס זיי האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום אומברחמנותדיקן אויסמאָרדן הונדערטער טויזנטער ייִדן, האָט זיי דערצו באַװויגן.

די פוילישע גייסטלעכע װעלט האָט מיט דעם שריט געװאָלט מאַניפעסטירן, אַז זי איז אין דער גורלדיקער פאַר אונדז צייט נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און האָט יאָ געװאָלט ראַטעװען אַ געװיסע צאָל ייִדישע קינדער, און אַזוי אַרום זיך רעהאַביליטירן.

נישט קיין קלענערע ראָל האָט מסתמא געשפּילט דערביי אויך די פינאַנ־ציעלע זייט. דאָס האָט געזאָלט שטאַרקן די קאַסעס פון די קירכעס און קלויסטערס, װי אויך אַנדערע קאַטויליש־רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

פאַר יעדן ייִדישן קינד האָבן זיי פאַרלאַנגט צו 20 זלאָטעס אַ טאָג — און דאָס פאַרויס פאַר אַ גאַנץ יאָר, דאָס הייסט: 7,200 זלאָטעס. צו יענער צייט איז עס געװען אַ גאַנץ גרויסע סומע, און נישט יעדע משפּחה האָט זיך אויף דעם געקאָנט דערלויבן.

און װען אַ משפּחה איז שוין גרייט געװען צו שאַפן די געפאָדערטע געלט־סומע, איז אויפגעשװוּמען אַן אַנדערע קאָמפּליקאַציע, אויב עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן אַ ייִנגל: דער ייִדישער קענצייכן פון ברית־מילה. זיין נישט געמלט איז אין יענער צייט געװען אַ סגולה איבערצולעבן די מלחמה.

איז אויפגעשװוּמען דער געדאַנק מען זאָל דורך אַ פּלאַסטישער אָפּעראַציע אָפּווישן דעם ייִדישן קענצייכן ביי די קינדער.

יידן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ



קראַנקע קינדער אין די פּליטים־פּונקטן



דריי פרויען אין וואַגאָנען קיין...



וואַרשע. נאָך דעם אומשלאַגפּלאַץ. מען טרייבט ייִדן אײַן די וואַגאָנען אַריין.

די מערהייט דאָקטוירים האָבן געהאַלטן, אַז דער פּלאַן פון אַנטיידישן איז נישט דורכפירבאַר, און עס איז אוממעגלעך דורכצופירן אַזאַ אָפּעראַציע; אַנדערע דאָקטוירים ווידער — אמת, אַ קליינע מינדערהייט — האָבן באַשטעטיקט, אַז די אָפּעראַציע איז יאָ דורכפירבאַר. זיי האָבן זיך פאַררופן אויף געשיכטלעכע מקורות און אָנגעוויזן, אַז אַנטיידישונג־אָפּעראַציעס זענען שוין דורכגעפירט געוואָרן אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער ציילונג, ווען ייִדן האָבן זיך געלאָזט אַנטיידישן צוליב סאָציאַלע אָדער פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען.

פון יענע אַלטע צייטן אָן האָט די ייִדישע געשיכטע נישט געהאַט צו פאַרצייכענען קיין פאַלן פון מאַסן־אַנטיידישונג. ערשט בימי היטלער איז די דאָזיקע פראַגע ווידער אויפגעשווומען, אָבער דאָס מאָל נישט צוליב סאָציאַלע אָדער עקאָנאָמישע אינטערעסן, נייערט ווי אַ פראַגע פון לעבן און טויט. קיין שום געבוירנשיין, קיין שום דאָקומענט האָט דעמאָלט פאַר אַ ייִדן נישט געהאַט קיין באַדייטונג.

פּוילישע אַנטיסעמיטן זענען געווען די ערשטע און די איינציקע אין דער גאַנצער אָקופּירטער אייראָפּע, וואָס האָבן דערפונדן אַ נייעם באַרוף: אויספרעסן און שאַנטאַזשירן ייִדן. זיי האָבן דאָס געשאַפן דעם נייעם, ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטן טערמין: „שמאַלצאָווניק" (אויספרעסער). זיי האָבן דאָס אויסגעלערנט די דייטשן ווי אַזוי מען קאָן דערקענען אַ ייִד.

די דאָזיקע „שמאַלצאָווניקעס", צו וועלכע עס האָבן געהערט אַלע שיכטן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, אָנהייבנדיק פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ און ענדיקנדיק מיט די אונטערוועלט־מענטשן, האָבן זיך אין זייער נייעם פאַך אַזוי אויסגעאיבט, אַז זיי האָבן פון דערווייטנס שוין „דערשמעקט" אַ ייִד און אָנגעהויבן אים צו שאַנטאַזשירן *.

אַלאַ גאָלאָמב, ווי די עלטסטע קראַנקנשוועסטער פון געטאָ, האָט געהאַט אַ דערלויבעניש פריי זיך צו באַוועגן אויף דער אַרישער זייט, ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אָבער אויך זי האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שאַנטאַזש, ווען זי האָט אַ מאָל אַריבערגעפירט פון געטאָ אַ ייִדיש מיידעלע, כדי עס אַריינצוגעבן אין אַ קריסטלעכן אַנשטאַלט.

נאָר אַ דאַנק איר קאַלטבלוטיקייט און פעסטער האַלטונג, איז איר געלונגען אַרויסצודרייען זיך און דאָס קינד פונעם אויספרעסער.

* אויספרעסן געלט און לסוף איבערגעבן די ייִדן אין געשטאַפּאָ.

מיט דעם פרויען־געשלעכט איז נאָך געווען ווי עס איז צו דערליידן, און מען האָט זיך געקאָנט אַרויסדרייען פון די שאַנטאַזשיסטן, אויב מען האָט געהאַט אַ גוטן אויסזען (נישט קיין ייִדישער טיפּ) און גערעדט אַ פּליסיקן פּויליש. ערגער איז אָבער געווען מיט מענער, אַפילו מיטן בעסטן אויסזען. ווען אַ שאַנטאַזשיסט האָט נאָר געהאַט אַ חשד אויף אַ ייִד, איז גענוג געווען אַריינצופירן אים אין אַ טויער און זיך איבערצייגן, צי ער האָט נישט דעם ייִדישן קענצייכן.

עס האָט זיך געפונען אין וואַרשע אַ פּוילישער כירורג, ד״ר פעליקס קאַנאַבוס,* וועלכער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן די אָפּעראַציעס פון אַנטיי־ידישונג. אין אַ סך פאַלן זענען די אָפּעראַציעס געלונגען ביי דער־וואַקסענע מענטשן, דאַקעגן ביי קינדער — נישט.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך שוין געפונען נאָך אייניקע דאָקטוירים אויף דער אַרישער זייט, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַזעלכע אָפּעראַציעס — אין לרוב פאַלן, מיט נישט קיין גוטע רעזולטאַטן.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „מאַכערס״, וואָס האָבן אויסגענוצט די גינסטיקע קאָניונקטור פאַר זייערע פּערזענלעכע צוועקן. זיי זענען געווען די פאַרמיטלערס צווישן די דאָקטוירים און פּאַציענטן און גענומען דערפאַר ריזיקע סומעס געלט.

צוליב קאָנספּיראַציע האָט מען די אָפּעראַציעס דורכגעפירט אין שרעקלעכע אַנטיסאַניטאַרע באַדינגונגען, און, אָפט מאָל, אַפילו אויף אַ פּלאַץ, אונטערן פרייען הימל, נישט באַנוצנדיק דערביי אַנעסטעזיע און אַסעפּסיס. פון אַזאַ „אָפּעראַציע״ איז דער פּאַציענט אַרויס אַן אינוואַליד.

יעדעס מאָל ווען אַלאַ גאַלאָמב פלעגט צוריקקומען פון דער אַרישער זייט, האָט זי אַריינגעבראַכט אַ סך לעבן אין דער אַרבעט ביים ראַטעווען ייִדישע קינדער. זי האָט תמיד מיטגעבראַכט מיט זיך נייע אַדרעסן פון קלויסטערס און יתומים־היימען אין וואַרשע און אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, ווו מען קאָן אַריינגעבן די קינדער. זי אַליין האָט שוין באַוויזן איינצואָרדענען אויף אַזאַ אויפן איר טעכטערל ראמי,** דאָס דורך איר אַדאָפּטירטע מיי־דעלע,*** די צוויי צווילינג־שוועסטערלעך פון לוציאַן בליט און נאָך צענדלי־קער אַנדערע ייִדישע קינדער.

* מיטגליד פון דער פּוילישער אונטערערד.
** געראַטעוועט. געפינט זיך אין קאַנאַדע.
*** געראַטעוועט, לעבט אין ישראל.

ווי נאָר אַלאַ האָט זיך באַוויזן אויף די געטאָ־גאַסן, איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן מיט בקשות: „ראַטעוועט מיין קינד״.

אָבער ווי אַזוי האָט מען געקאָנט אַנטקעגנקומען אַלע בקשות, אַז די געלטסומע, מיט וועלכער מען האָט צו דעם צוועק דיספּאָנירט, איז געווען אַ מינימאַלע.

חוץ די שוועריקייטן, אויף וועלכע מען האָט זיך אָנגעשטויסן אין געטאָ, האָט זיך די לאַגע פון אויסבאַהאַלטן יידן אויף דער אַרישער זייט שטאַרק פאַרשאַרפט. די מענטשן־חיות, וועלכע מען האָט גערופן „שמאַלצאָווניקעס״, האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג און האָבן איינגעשלונגען וואָס אַ מאָל מער יידישע קרבנות.

ד״ר יוסף מאַקאָווסקי (פון מלאַווע), וואָס איז בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע פאַרוואונדעט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט, איז אַריבער־געפירט געוואָרן דורך זיינע פוילישע פריינד אין שפּיטאָל אַריין. דאָרט האָבן אים „דערשמעקט״ די „שמאַלצאָווניקעס״ און אים שוין נישט אָפּגעלאָזט. האָבנדיק אַ שלעכטן אויסזען (יידישער טיפּ) און זעענדיק, אַז ער וועט זיך נישט אַרויסדרייען פון די „שמאַלצאָווניקעס״, איז מאַקאָווסקי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די מענטשן־חיות האָבן אָבער ווייטער נישט רעזיגנירט. זיי האָבן זיך דערוווּסט ווו עס געפינט זיך זיין פרוי, העלענאַ מאַקאָווסקאַ, וועלכע האָט, אַגב, געהאַט אַ הונדערטפּראָצענטיקן אַרישן אויסזען און איז געווען פאַר־זאָרגט מיט גוטע אַרישע דאָקומענטן, און האָבן זי אויסגעגעבן צו די דייטשן. אויך מאַקאָווסקיס שיינע טאָכטער, וואָס איז שוין געווען איינגעאָרדנט אין אַ קלויסטער, האָבן די שמאַלצאָווניקעס אויסגעגעבן. ביידע זענען דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן.

צוליב דער מורא פאַר די „שמאַלצאָווניקעס״, האָט מען די אויסבאַהאַלטענע יידן אָנגעהויבן צו טרייבן צוריק אין געטאָ אַריין. און נישט נאָר פון פּריוואַטע היימען, נייערט אויך פון די קלויסטערס און קינדערהיימען האָט מען די געמלטע קינדער אָנגעהויבן צוריקשיקן פון דער אַרישער זייט.

צווישן די צוריקגעשיקטע קינדער איז געווען ד״ר עמנואל רינגעלבלומס איינציקער זון, וועלכער האָט געהאַט אַ גלענצנדיקן אַרישן אויסזען, אָבער זיין אָפּשטאַם איז אַנטדעקט געוואָרן אַ דאַנק זיין יידישן קענצייכן.*

* אין יאָר 1944 דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן צוזאַמען מיט זיין פאָטער.

ווי אַלאַ גאַלאַמב האָט מיר איבערגעגעבן, נאָך איר צוריק קומען פון דער אַרישער זייט, האָט אירענאַ סענדלער, פון דער פוילישער סאָציאַלער הילף, און שפּעטער אָנפירערין פון דער קינדער־אָפּטיילונג ביי „זשעגאָטאַ״ * צוגעגרייט אַ פּאַרטיקן פּלאַן אַרויסצופירן פון געטאָ מערערע ייִדישע קינדער (מיידלעך).

אַלאַ גאַלאַמב האָט זיך פאַרבונדן מיטן דזשאָינט־דירעקטאָר, דוד גוזשיק,** וועלכער האָט, פון זיין זייט, צוגעזאָגט אַ ברייטע פינאַנציעלע שטיצע. די קאָנטאַקטן מיט גוזשיקן זענען אָבער באַלד איבערגעריסן געוואָרן, צוליב זיין פערזענלעכער טראַגעדיע (פאַרלאָרן זיין משפחה בעת איינער פון די אויסזידלונגען), און צוליב די בלוטיקע געשעענישן אין געטאָ.

מיר האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־קאָמיטעט אין געטאָ, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן שאַפן דעם געהעריקן געלט־פאָנד.

אַלאַ גאַלאַמב האָט געזאָגט, אַז אירענאַ סענדלער וועט זיך באַמיִען צו קריגן אַ גרעסערע סומע געלט פון דער פוילישער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט, ווי אויך פון דעם ניי־געשאַפענעם ראַט צו העלפן ייִדן („זשעגאָטאַ״).

די קינדער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט דורך פאַרשידענע אַרבעט־בריגאַדעס ***, מיט וועלכע מען האָט מיטגעשיקט יעדעס מאָל אַ פּאָר קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַל זענען געקומען אין באַטראַכט בלויז גרעסערע קינדער. די קלענערע קינדער זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דורך לאַסטוואָגנס, וועלכע זענען געקומען אין געטאָ אַריין נאָך די סחורות פון די שאָפּן. די גאָר קליינע קינדער האָט מען פריִער איינגע־שלעפערט.

אין דער דאָזיקער אַקציע ביים אַריבערוואַרפן די קינדער פון געטאָ האָט זיך אויסגעצייכנט דער געוועזענער קינאָ־אייגנטימער שמעון ליימאַן און זיין פריינד לובלינער.

די אַקציע צו ראַטעווען די ייִדישע קינדער איז באַשוועמט געוואָרן צוליב מאַנגל אין געלט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן כסדרדיקע זיצונגען מיט ד״ר ריִנגעלבלום, מנחם קאָן, א. ל. בלאָך, דאָמב, וואַסערמאַן א. אַ.

* ראַט צו העלפן ייִדן.
** אומגעקומען אין אַן אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע, אין יאָר 1945.
*** מען האָט זיי גערופן מיטן פּוילישן נאָמען „פּלאַצוווקאַזשעס״.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר דאַרפֿן זיך קאָנטאַקטירן מיט אייניקע גרויסע גבירים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין געטאָ. מנחם קאָן האָט איבער־געגעבן, אַז ער האָט, צווישן אַנדערע, געפּרוּווט צו פֿאַראינטערעסירן אַ ריי אָנגעזעענע גבירים פֿון אָרטאָדאָקסישן לאַגער. לײַדער האָבן זיי אַרויס־געוויזן אַ נעגאַטיווע שטעלונג צום גאַנצן פּלאַן.

— „מיר וועלן נישט דערלאָזן, — האָבן זיי געטענהט — אָפּצוגעבן אונדזערע קינדער צום שמד אין די קלויסטערס. וואָס גאָט וועט געבן מיט אונדז, וועט זײַן מיט אונדזערע קינדער".

זיי האָבן פֿאָרגעלייגט אַן אַנדערן פּלאַן: שאַפֿן געלט אויף צו בויען אונטערערדישע בונקערס און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן צוזאַמען מיט די קינדער.

וואָס עס איז שפּעטער געוואָרן מיט די אונטערערדישע בונקערס, מיט די איבערגעבליבענע געטאָ־ייִדן און מיט אַלע קינדער — איז דאָך גוט באַוווּסט.

דערווײַל האָט אַלאַ גאָלאָמב, ווי אויך די אונטערערדישע טוערס: באַשע טעמקין־בערמאַן, יוסף זשעמיאַן, און בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ), צוזאַמען מיט די פֿריִער נאָך דערמאָנטע חסידי־אומות־העולם, געטאָן אַלץ, אויף דער אייגענער האַנט, אײַנצואָרדענען און צו שיצן די ייִדישע קינדער אויף דער אַרישער זײַט.

וויפֿל קינדער אַלאַ גאָלאָמב אַליין האָט אײַנגעאָרדנט און געראַטעוועט פֿון אומקום, איז, צוליב איר אייגענעם אומקום, שווער געווען פֿעסטצושטעלן. עס איז זיכער, אַז אַ סך פֿון די דורך אַלאַ געראַטעוועטע קינדער לעבן ווײַטער ווי אָנגעהעריקע צום קריסטלעכן גלויבן, נישט וויסנדיק גאָר פֿון זייער ייִדישן אָפּשטאַם.

ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ

נאָך דעם כסדרדיקן איינשרומפּן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, צוליב די „אַקציעס" און „אויסזידלונגען", האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי אַ גאַנצקייט. עס איז צעטיילט געוואָרן אויף פאַרשידענע קליינע אינדזלען. אויף די דאָזיקע אינדזלען האָבן זיך געפונען די שאָפּן, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ רעכט צו עקזיסטירן. די אַרבעטער פון די געגעבענע שאָפּן האָבן, צוזאַמען מיט זייערע משפחות, זיך געמוזט איינקוואַרטירן ביי זייערע אַרבעט־וואַרשטאַטן.

די גרעסטע שאָפּן האָבן געהערט צו דעם אינדוסטריאַליסט פון ברעמען, וואַלטער צ. טעבענס, וואָס האָט געהאָלפן שטאַרקן די דייטשע קריגס־פּראָדוקציע און זיין אייגענע טאַש. דער דאָזיקער פיפיקער דייטש האָט דערזען פאַר זיך, ביי דעם ייִדישן אומגליק, גאַר גרויסע מעגלעכקייטן נתעשר צו ווערן. ער האָט געוווסט ווי אַזוי אויסצוניצן די געשאַפענע קאָניוקטור און אויסצופּרעסן פון זיינע ייִדן־שקלאַפן נישט נאָר זייער מאַרך פון דיביינער, נייערט זייערע פאַרמעגנס.

טעבענס האָט אַזוי מאַנעווורירט, אַז ווען די דייטשן האָבן ביי די כסדר־דיקע „אויסזידלונגען" ליקווידירט איין שאָפּ נאָכן אַנדערן, זאָלן די אָנפירערס און אַרבעטערס פון די ליקווידירטע שאָפּן קומען צו אים און בעטן, צו נעמען זיי אונטער זיין שוץ: ער זאָל זיי און זייערע משפחות אַריינגעמען אין זיינע שאָפּן, כדי זיי אַזוי אַרום ראַטעווען פון „אויסזידלונג". זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געמוזט אים איינצאָלן גרעסערע סומעס געלט, ווי אויך מיטברענגען מיט זיך די גאַנצע איינריכטונג פון די ליקווידירטע שאָפּן, צוזאַמען מיט די רוישטאָף־מאַטעריאַלן.

פון די ליקווידירטע שאָפּן האָט טעבענס אַזוי אַרום אַריינגעקריגן, צווישן אַנדערע, אַז אַ גראָשן געלט, 1300 ניימאַשינען.

טעבענס האָט די דאָזיקע ייִדן „געראַטעוועט" — ביז עס איז געקומען אַ נייע „סעלעקציע".

כדי צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון זײַנע געלט־געבערס, האָט שוין טעבענס געזאָרגט דערפֿאַר, אַז ביי דער נאָנטסטער „סעלעקציע" זאָל מען זיי אַוועקשיקן אויפֿן אומשלאַגפּלאַץ, פֿון וואַנען זיי זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען.

די זעלביקע געשיכטע האָט זיך דערנאָך איבערגעחזרט מיט די נייע געלטגעבערס — און אַזוי ביז דער לעצטער מינוט.

טעבענס האָט געהאַט זײַנע אונטערנעמונגען אויף דער אַרישער זייט. ער האָט אַחוץ דעם געשאַפֿן אַ ספּעציעלן ייִדישן אַרבעט־באַטאַליאָן, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 500 מענטשן. אין דאָזיקן אַרבעט־באַטאַליאָן האָט זיך יעדער איינער געקאָנט פֿאַרשרייבן, אויב ער איז נאָר געווען בכּוח צו באַצאָלן די נייטיקע סומע פֿון 30 ביז 50 דייטשע רייכסמאַרק אַ טאָג. ווער עס איז נאָר אין שטאַנד געווען צו פֿאַרשאַפֿן זיך דאָס געלט, האָט זיך געריסן אַרײַנצוטרעטן אין דעם „אויסדערוויילטן" באַטאַליאָן, כּדי אַזוי אַרום צו האָבן די מעגלעכקייט אײַנצוקויפֿן אַ ביסל שפּייז אויף דער אַרישער זייט.

מיט די דאָזיקע באַטאַליאָנען האָט אַלאַ גאַלאַמב אַריבערגעוואָרפֿן אויף דער אַרישער זייט די גרעסערע קינדער און איז אָפֿט מאָל אַליין מיט זיי מיטגעגאַנגען.

די לעבנסבאַדינגונגען אין טעבענס שאָפּן זענען נישט געווען קיין בעסערע ווי אין די אַנדערע, וועלכע מען האָט ליקווידירט. די אַרבעטערס האָבן באַקומען זייער עסן פֿון אַ געמיינזאַמער קיך. אַ מאָל, אויף אַ נאָווינע, האָט מען זיי געגעבן 50 גראַם פֿערדפֿלייש.

פֿאַר זיך און זײַנע געהילפֿן האָט טעבענס געהאַט אַ ספּעציעלע לוקסוסקיך. מען האָט די קיך גערופֿן: „באָנבאָניערקע". דאָרט האָט מען געקאָכט פֿון כּל־טוב. מען האָט פֿאַר דער דאָזיקער קיך געהאָדעוועט 30 חזירים. די געשמאַקע און זאַטע שפּייזן פֿון טעבענס קיך פֿלעגט מען פֿאַרבייטראָגן פֿאַר די אויסגעהונגערטע און אויסגעשעפּטע ייִדישע אַרבעטערס, ווי מען וואָלט וועלן זיך רייצן מיט זיי.

טעבענס פֿלעגט אָפֿט איינאָרדענען ביי זיך פֿאַרוויילונגען, ווו מען האָט געצוווּנגען ייִדישע מיידלעך צו טאַנצן נאַקעטערהייט. איין מאָל, בעת אַזאַ פֿאַרוויילונג — דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען טעבענס און זײַן חברה

האָבן געפּראַוועט די סילוועסטער־נאַכט — האָט מען איינע פון די באַקעטע טענצעריןס דערשאָסן.

דער „גוטמוטיקער" טעבענס פלעגט תמיד צוגרייטן פאַר זיינע ייִדעלעך, צו זייער יעדן יום־טוב, אַ נייעם סורפּריז: יעדעס מאָל האָט עס אויסגעזען צו זיין אומשולדיק, און יעדעס מאָל איז עס געווען צוגעגרייט אויף אַן אַנדערן אופן, אַזוי אַז די ייִדן האָבן נישט פאָרויסגעזען קיין שום שלעכטס. די פריִערדיקע גזירות האָט מען שנעל פאַרגעסן.

ווען עס איז אויסגעפאַלן יום־כיפּור, האָט טעבענס דערלויבט זיינע ייִדן נישט צו אַרבעטן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז אין דאָזיקן טאָג קאָנען די אַרבעטער פון זיינע שאָפּן אויף לעשנאָ גאַס (געוו. גרויסער געטאָ) אַרויסגיין באַזוכן זייערע קרובים פונעם געוועזענעם קליינעם געטאָ, און פאַרקערט: קרובים פונעם ווערק 1, וואָס האָט זיך געפונען אין קליינעם געטאָ, איז דערלויבט געוואָרן צו באַזוכן זייערע קרובים און פריינד פון די שאָפּן פון ווערק 2 און ווערק 3, אויף לעשנאָ גאַס. יעדער איינער האָט געהאַט דאָס רעכט מיטצונעמען מיט זיך אַ מתנה פאַר זיינע נאָענטע. די דאָזיקע פאַראָרדענונג איז געווען אונטערגעשריבן דורך טעבענסן אַליין.

איבער 1500 מענטשן האָבן זיך אין יענעם טאָג געלאָזט אין וועג אַריין. ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט די טעבענס־געביידע און זיך שוין געפונען אויף זייער וועג, זענען זיי באַפאַלן געוואָרן פון עס־עס־לייט, וואָס זענען מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, און, שלאָגנדיק מכות רצח, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טרייבן די אומגליקלעכע ייִדן צום אומשלאַגפּלאַץ, פון וואַנען זיי זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען.

דאָס זעלביקע איז געשען מיט די אַנדערע ייִדן, וועלכע זענען געקומען פון דער אומגעקערטער ריכטונג, כדי זיך צו טרעפן מיט זייערע נאָענטסטע.

דער דאָזיקער טעבענס האָט אויך „געזאָרגט" פאַר ייִדישע קינדער. אין איינעם פון זיינע שאָפּן האָט ער געהייסן איינאָרדענען אַ קינדער־גאָרטן פאַר 60 קינדער. ער האָט מיט זיינעם אַן ערן־וואָרט פאַרזיכערט די לייכטגלייביקע עלטערן, אַז „זיינע" קינדער וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן. היות די פרויען דאַרפן אַרבעטן, — האָט ער געזאָגט, — און די קינדער שטערן זיי אין דער אַרבעט, וועט גלייכער זיין, זיי זאָלן זיך געפינען אין אַ קינדער־גאָרטן, ווו זיי וועלן האָבן די געהעריקע אויפזיכט, און אויך אַ בעסערע באַשפּייזונג.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען די דערוואַקסענע זענען געווען ביי דער אַרבעט,

איז צום קינדער־גאָרטן צוגעפאָרן אַ לאַסטאויטאָ, און אַלע זעכציק קינדער זענען אַרויפגעפּאַקט געוואָרן אויף אים.

ווען די עלטערן האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט צוגענומען זייערע קינדער, איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע פּאַניק, און טעבענס איז געווען געצוווּנגען צוריקצוברענגען די קינדער. ער האָט אָבער געזאָרגט דערפאַר, אַז צום צווייטן מאָל זאָלן די קינדער זיך שוין נישט קאָנען אַרויסדרייען פונעם טראַנספּאָרט.

ווי מען האָט שפּעטער איבערגעגעבן, האָט מען דאָס צוריקברענגען די 60 קינדער געהאַט צו פאַרדאַנקען אַלאַ גאַלאַמב, אָדער ווי מען האָט זי גערופן: די „גאָלעמביאַנקאַ". אַלאַ האָט דעמאָלט געוווינט אויפן געביט פון „אָקסאקאָ", וואָס האָט זיך געפונען אויף דער שטשענשליווע גאַס, קעגנאיבער דעם אומשלאַגפּלאַץ. ווען זי האָט באַמערקט דעם אָנפאָרנדיקן וואָגן מיט די קינדער, האָט זי אַזוי מאַנעווּרירט, אַז מען זאָל זיי נישט גלייך אַרייַנשטופּן אין די וואַגאָנען, נאָר האַלטן זיי אויפן פּלאַץ, כדי זיי כלומרשט, פאַרן אָפּפאָרן, צו באַשפּייזן. מיט דעם קלוגן מאַנעוור האָט זי געוווּנען צייט, ביז עס איז אָנגעקומען אַ באַפרייונגס־פּאַפּיר פון טעבענסן.

דער אַלמעכטיקער טעבענס איז דעמאָלט געווען דער לעצטער „אומזידלונגס־קאָמיסאַר" פונעם וואַרשעווער געטאָ, אויפן אָרט פון דעם אַראָפּגעזעצטן עס־עס־אָבערשטורמפירער קאָנראַד. טעבענס האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעפירט מיט דער ליקווידאַציע פון די רעשטלעך יידן פונעם וואַרשעווער געטאָ.

נישט פאָראויסזעענדיק דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט זיך טעבענס געגרייט אַרויסצופירן פון וואַרשע אַלע איבערגעבליבענע יידן, אָן איין שאָס. די יידן זענען באַשטימט געווען אַוועקגעפירט צו ווערן קיין פּאָניאַטאָוו, ווו טעבענס האָט שוין פון פריִער געהאַט איינגעאָרדנט זיינע טעקסטיל־אונטערנעמונגען און רימערייען. דאָרט האָבן שוין געאַרבעט 1500 יידן, וואָס זענען פריִער געבראַכט געוואָרן אַהין.

דעם 31טן יאַנואַר 1943 איז טעבענס געווען אין לובלין און האָט דאָרט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דעם עס־עס־גרופּנפירער און גענעראַל־לויטנאַנט פון דער פּאָליצײַ אָדיליאָ גלאָבאָצניק — דעם אָנפירער פון די פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָס פון „איינזאַץ ריינהאַרדט". גלאָבאָצניק איז פאַקטיש געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסראָטונג פונעם פּוילישן יידנטום.

פּאָניאַטאָוו האָט געהערט צו די לעצטע אַאַזיסן, וווּ עס האָבן נאָך געלעבט און געאַרבעט די רעשטלעך פון דעם פוילישן ייִדנטום. אויך זיי זענען אומ־געקומען. צוזאַמען מיט די ייִדן אין פּאָניאַטאָוו איז אויך אומגעקומען אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.

אַלאַ גאַלאַמבס מאַרטירער־טויט

דער קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָוו איז געלעגן אין לובלינער געגנט, אין קרייז פון פּולאַוו, ביי דער ווייסל.

לכתחילה איז דער לאַגער געווען צוגעגרייט אויפצונעמען סאָוויעטיש־רוסישע קריגסגעפאַנגענע. ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־אויסראָטונגען פון יידן, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון דאָרט אַלע רוסישע קריגס־געפאַנגענע אין דערנעבן ליגנדיקן וואַלד און זיי דאָרט אויסגעשאָסן. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז זיי זענען געשטאָרבן פון טיפוס.

די באַראַקן נאָך די אויסגעמאָרדעטע רוסישע קריגסגעפאַנגענע זענען באַ־שטימט געוואָרן פאַר דעם גרעסטן דייטשן קריגס־פּראָדוצענט אין וואַרשע וואַלטער צ. טעבענס. אַהין האָט ער, בעת די "אויסזידלונגען" פון וואַרשעווער געטאָ, אַראָפּגעבראַכט די וואַרשטאַטן מיט די מאַשינען פון זיינע שאָפּן אין וואַרשע, צוזאַמען מיט די אַרבעטערס. אין פּאָניאַטאָוו האָט ער געדאַרפט — ביז אַ געוויסער צייט — אויסבויען און פאַרשטאַרקן די דייטשע קריגס־פּראָדוקציע. דאָרט — האָט ער פאַרזיכערט — וועלן זיינע יידן איבערלעבן די מלחמה, וואָרעם אין וואַרשע דראָט זיי פאַרניכטונג. וואַרשע מוז בלייבן יידנריין.

דער אמת איז אָבער, אַז טעבענס האָט צוגעגרייט אַ טייוולשן פּלאַן, כדי די יידן אַריינצונאַרן און צוהעלפן גלאָבאָצניקן, זיי לייכטער אויסצוראָטן. דורך זיין אָפּמאַך מיט גלאָבאָצניקן, האָט טעבענס פאַרקויפט 14 טויזנט יידן צום טויט. נישט האָבנדיק מער ביי זיך אין די שאָפּן אַזוי פיל מענטשן, האָט ער געזוכט זיי צו פאַרפולן, ווי נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ער האָט זיי מיט געוואַלט גענומען פון אַנדערע נאָך עקזיסטירנדיקע שאָפּן און אויך אַרויס־געצויגן פון טראַנספּאָרטן פון אומשלאַגפּלאַץ.

די יידן פון דעם לעצטן טראַנספּאָרט, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן

אין זיין „גן־עדן״, האָט טעבענס אַליין אַריינגעפירט אין די פּי־וואַגאָנען (צו 80 מענטשן אין אַ וואַגאָן), שלאָגנדיק דערביי מיט זיין לעדערנער שפּיצרוט.

צווישן אַנדערע פאַלן, האָט אַ יונג מיידל דערביי באַקומען אַן אָנפאַל פון משוגעת. אַן אַלטער ייד איז ביים וואַגאָן אַוועקגעפאַלן אין חלשות. טעבענס, וועלכער האָט דעמאָלט באַגלייט דעם טראַנספּאָרט, איז צוגעגאַנגען צו דעם וואַגאָן, האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און ביידע קאַלטבלוטיק דער־שאָסן.

אין פּאָניאַטאָוו זענען די געבראַכטע יידן צוגעטיילט געוואָרן צו אַרבעט נישט נאָר אין די טעבענס־שאָפּן, נייערט אויך אַרויסגעפירט געוואָרן פונעם לאַגער אויף פאַרשידענע אַרבעטספּלעצער ביי בעטאָן־אויסאַרבעטונגען און באַלאַטעס — אין דער געגנט פון פּאָניאַטאָוו און אָפּאָלע.

דער לאַגער גופא האָט זיך געטיילט אויף צוויי ווויִנבלאָקן: אין די באַראַקן, ביי די שאָפּן, און אין וווינונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין שיינע געביידעס אין וואַלד.

די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין וואַלד, האָבן געהערט צו די פּריווילעגירטע, ווייל דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכקייט אונטערצוהאַנדלען מיט די אַרומיקע פויערים, און ממילא — זיך בעסער דערנערן.

דעם 24טן אָקטאָבער 1943 האָט מען אין דאָזיקן וואַלד, נישט ווייט פון די „לוקסוס־וווינונגען״, אָנגעהויבן אויסצוגראָבן לאַנגע קאַנאַלן פון איין מעטער די ברייט און צוויי מעטער די טיף. עס האָט געהייסן, אַז די גריבער דאַרפן דינען ווי אַ שוץ פאַר סאָוויעטישע לופט־אַטאַקעס.

דער קאָמענדאַנט פונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער איז געווען דער סאַדיסט העריגנג. ער פלעגט אַריינפאָרן אין לאַגער אויף אַ ווייס פערד, און הינטער אים איז נאָכגעריטן, אויף אַן אייזל, אַ יידיש ייִנגל אין קאָסטיום פון אַ צירק־פּאַיאַץ.

צווישן אַנדערע זענען קיין פּאָניאַטאָוו פאַרוואָגלט געוואָרן אַ ריי אָנגעזעענע אונטערערדישע און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע טוערס, וועלכע זענען בעת די „אויסזידלונגען״ אין וואַרשעווער געטאָ געכאַפּט געוואָרן, און מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין פּאָניאַטאָוו. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.

מען האָט זיך געחידושט: פון וואַנען און ווי אַזוי האָט זיך גענומען אַלאַ אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פּאָניאַטאָוו. אַז זי איז אַהין נישט געגאַנגען פריי־ווויליק, איז געווען זיכער. זי האָט דאָך גוט געקענט וואַלטער צ. טעבענס און

געוווסט, אַז מע קאָן זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף זײַנע צוזאָגן. נישט איין מאָל איז זי דאָך געשטאַנען אין קאָנפֿליקט מיט אים, נאָך זײַענדיק אין וואַרשעווער געטאָ.

אַלאַ גאָלאָמב האָט געהערט צו די, וואָס האָבן אַגיטירט אין געטאָ נישט צו לאָזן זיך אַרויספֿירן קיין פּאָניאַטאָוו און נישט גלייבן טעבענס הבטחות.

דאָס איינציקע, וואָס עס איז געלונגען פֿעסטצושטעלן דורך די שליחים פֿון דער אונטערערדישער באַוועגונג, איז, אַז אַלאַ געפֿינט זיך אין פּאָניאַטאָוו און האָט זיך דאָרט אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט בײַם אָרגאַניזירן אַ הילף־אַקציע פֿאַר די קראַנקע און נויט־לײַדנדיקע ייִדן, וואָס זענען אַהין פֿאַרוואָגלט געוואָרן.

עס איז אין פּאָניאַטאָוו געגרינדעט געוואָרן אַן אונטערערדישער אַלײַנהילף־קאָמיטעט, וואָס האָט געפֿירט אַ ברייט־פֿאַרצווייגטע רעטונגס־אַקציע.

אַלאַ האָט אויך גענומען אונטער איר שוץ די קינדער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין פּאָניאַטאָוו. זי האָט פֿאַר זיי אָרגאַניזירט אַ קינדער־ווינקל, אײַנגעפֿירט פֿאַרשידענע שפּילן פֿאַר זיי און באַמיט זיך אַרײַנצוברענגען אין זייער לעבן דאָרט, וואָס מער פֿרייד, כּדי לײַכטער צו מאַכן זייער גורל.

אַלאַ איז אויך געווען טעטיק אינעם דאָרטיקן שפּיטאָל, אין וועלכן עס האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים באָרקאָווסקי, בוסעל, לובעלטשיק א. א.

זי האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבינדן מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנערס, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין יענע מקומות. די פּאַרטיזאַנערס האָבן זיך אָבער נישט געאײַלט מיט דער הילף פֿאַר די ייִדן פֿון פּאָניאַטאָוו. זיי האָבן צוגעזאָגט אָנצופֿאַלן אויפֿן לאַגער און אַזוי אַרום דערמעגלעכן די ייִדן צו אַנטלויפֿן פֿון דאָרט.

נישט געקוקט אויף טעבענסעס הבטחות, האָט זיך דעם 3טן נאָוועמבער 1943, האַלב 7 אַ זייגער אין דער פֿרי, אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פֿון די ייִדן אין פּאָניאַטאָווער לאַגער. די ליקווידאַציע האָט געדויערט דרײַ טעג.

דער לאַגער איז געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן. אויפֿן גרויסן פּלאַץ אין מיטן לאַגער זענען דורך די עס־עס־לײַט צעטריבן געוואָרן אַלע ייִדן, מען האָט זיי אָפּגעשלאָסן אין די באַראַקן — מענער באַזונדער און פֿרויען מיט די קינדער באַזונדער — געצוווּנגען אַלע אויסטון זיך נאַקעט, אַוועקגעבן זייערע ווערטזאַכן, און שפּעטער, אין גרופּעס פֿון 50 פּערזאָן, זיי געטריבן צו די אויסגעגראָבענע גריבער, וואָס האָבן געזאָלט דינען ווי אַ שוצאָרט קעגן לופֿט־אָנגריפֿן... דאָרט האָט מען די ייִדן אויסגעשאָסן.

דער „גראָס־אינדוסטריִאַליסט" פון ברעמען, דער ייִדן־מערדער וואַלטער צ. טעבענס, און זיין געהילף, באַוך, זענען די גאַנצע צייט פון דער ליקווידאַציע געזעסן אין זייער ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין לאַגער, און דורכן פענצטער זיך צוגעקוקט צו דעם מאַסנמאָרד פון די 14 טויזנט ייִדישע מענער, פרויען און קינדער.

די טרויערדיקע ידיעה וועגן דער פאַרניכטונג פון די פּאָניאַטאָווער ייִדן האָבן די ערשטע אונדז איבערגעגעבן די שליחים פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. זיי זענען דעם זעלביקן טאָג אָנגעקומען קיין פּאָניאַטאָוו מיט 90,000 זלאָטעס, וואָס מען האָט געשיקט פאַר די דאָרטיקע ייִדן. זיי האָבן אויך געהאַט מיט זיך אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, ווי אויך קענקאַרטן און פאַלשע פּאַפּירן. עס איז אָבער שוין אוממעגלעך געווען צוצוקומען צום לאַגער. די שליחים האָבן נאָר באַוויזן צו דערגיין צו אַ דערבײַליגנדיקן דערפל, מיטן זעלביקן נאָמען, און פון דאָרט געזען ווי דער לאַגער האָט געברענט. זיי האָבן געהערט פון דערווייטנס די געשרייען פון די קרבנות און די אומאויפהערלעכע שיסערײַ פון מאַשינגעווער.

די מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּאָניאַטאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָבן דאָרט אָרגאַניזירט אַ קאַמף־אָפּטיילונג, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער מיטגליד פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע — מלך פיינקינד.

ווי נאָר די קעמפער האָבן באַמערקט, אַז דער לאַגער ווערט אַרומגערינגלט דורך עס־עס־לייט, האָבן זיי זיך פאַרבאַריקאַדירט אין איינער פון די געביידעס און געשטעלט די דייטשן אַ ווידערשטאַנד.

פריִער נאָך האָבן די ייִדישע קעמפער אונטערגעצונדן די מאַגאַזינען מיט די אויסגעפּאַרטיקטע מונדירן פאַר דער דייטשער אַרמיי.

נישט קאָנענדיק אַרויסבאַקומען די ייִדישע קעמפער פון דער געביידע, אין וועלכער זיי האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט, האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז, און אַלע, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, צווישן זיי — די אומפאַר־געסלעכע אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג, זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן.

מענטשן, וואָס זענען באַרימט געוואָרן און אַריין אין דער געשיכטע, האָבן זייער באַרימטקייט זיכער פאַרדינט.

עס איז אָבער בלי־שום־ספק, אַז אַ סך מענטשן, וואָס האָבן פאַרדינט, אַז

זייערע מעשים, זייער ביישפּיל־גילטיק אויפפירן זיך זאָל ווייט און ברייט מפורסם ווערן — זענען פאַרבליבן כמעט אומבאַקאַנט אָדער, אין בעסטן פאַל, באַוווּסט בלויז אין אַ גאַנץ באַגרענעצטן קרייז.

אַזוי איז אויך געווען מיט איינער פון אונדזערע פאַרדינסטפולסטע ייִדישע פרויען, אַ זייל פון ייִדישן ציווילן ווידערשטאַנד אין פּוילן — אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.

דאָס באַשטעטיקט אַן איבעריק מאָל, אַז גרויסקייט פון אַ מענטש און זיין באַרימטקייט מוזן נישט תמיד גיין האַנט ביי האַנט.

אַלאַ גאָלאָמב איז, אַ דאַנק איר גאַנץ אָפּפערווילליק לעבן — דאָס געפיל פון הילף־באַרייטקייט און ניצלעכקייט האָט זיך ביי איר אָנגעהויבן צו אַנט־וויקלען נאָך אין אירע קינדער־יאָרן — געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, כאָטש זי איז פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט אין דער וועלט, און אַפילו מחוץ איר געבוירנשטאָט מלאַווע און דעם וואַרשעווער געטאָ, געווען כמעט ווי נישט באַקאַנט.

ראָמען ראָלאַן האָט די מענטשלעכע גרויסקייט דעפינירט אויף אַזאַ אופן: „איך אָנערקען בלויז איין מין גרויסקייט פון אַ מענטשן: ווען ער איז לגבי זיינע מיטמענטשן גרויס דורך זיין האַרץ און דורך זיינע נאָבעלע געפילן, וואָס קומט צום אויסדרוק דורך דינאַמישע טאַטן".

אָט די דאָזיקע דעפיניציע אַנטשפּרעכט אַמבעסטן אַלאַ גאָלאָמבס מעשים.

ווען איך האָב זיך נאָך דער מלחמה געטראָפן אין ניו־יאָרק מיט אַלאַ גאָלאָמבס לאַנדסמאַן, דעם גרויסן פּראָזע־מייסטער יוסף אָפּאַטאָשו, און אים איבערגעגעבן וועגן אַלאַ גאָלאָמבס העלדישע מעשים, האָט ער ממש גע־שטוינט, פאַר וואָס מען האָט אַזוי ווייניק געשריבן וועגן איר און אירע וווּנדערבאַרע אויפטוען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט גוט געקענט אַלאַס עלטערן, אָבער ווען ער האָט פאַרלאָזט מלאַווע, איז נאָך די דאָזיקע העלדין נישט געווען אויף דער וועלט.

אָפּאַטאָשו האָט מיך, בעת אונדזערע אָפטע באַגעגענישן, געבעטן, איך זאָל אים איבערגעבן וואָס מער פּרטים וועגן אַלאַ'ן. ער מוז, — האָט ער געזאָגט, — אָנשרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן אַלאַ גאָלאָמב — דער זעלטענער טויב. ליידער האָט דער גרויסער שריפטשטעלער שוין נישט באַוויזן דאָס צו טאָן.*

* יוסף אָפּאַטאָשו איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 7טן אָקטאָבער 1954.

דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר זאָל ווערן צוגעטיילט דער זכות צו שרײַבן וועגן לעבן און אומקום פֿון דער הייליקער קראַנקנשוועסטער — אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג.



BEKANNTMACHUNG

Betrifft:
Beherbergung von geflüchteten Juden.

Es besteht Anlass zu folgendem Hinweis: Gemäss der 3. Verordnung über Aufenthaltsbeschränkungen im Generalgouvernement vom 15. 10. 1941 (VO. Bl. GG. S. 595) unterliegen Juden, die den jüdischen Wohnbezirk unbefugt verlassen, der Todesstrafe.

Gemäss der gleichen Vorschrift unterliegen Personen, die solchen Juden wissentlich Unterschlupf gewähren, Beköstigung verabfolgen oder Nahrungsmittel verkaufen, ebenfalls der Todesstrafe.

Die nichtjüdische Bevölkerung wird daher dringend gewarnt:

1.) Juden Unterschlupf zu gewähren,

2.) Juden Beköstigung zu verabfolgen,

3.) Juden Nahrungsmittel zu verkaufen.

Tschenstochau, den 24. 9. 42.

OGŁOSZENIE

Dotyczy:
przetrzymywania ukrywających się żydó

Zachodzi potrzeba przypomnienia, że st
sownie do § 3 Rozporządzenia o ograniczeniac
pobytu w Gen. Gub. z dnia 15. X. 1941 rok
(Dz. Rozp. dla GG. str. 595) żydzi, opuszczając
dzielnicę żydowską bez zezwolenia, podlega
Karze śmierci.

Według tego rozporządzenia, osobom, które taki
żydom świadomie udzielają przytułku, dostarczają
jedzenia lub sprzedają artykuły żywnościowe, gro
również Kara śmierci.

Niniejszym ostrzega się stanowczo ludno
nieżydowską przed:

1.) udzielaniem żydom przytułku,

2.) dostarczaniem im jedzenia,

3.) sprzedawaniem im artykułów żywnościowych.

Częstochowa, dnia 24. 9. 4

Der Stadthauptmann
Dr. Franke

טעקסט פון אַ נאַצישער באַקאַנטמאַכונג אין יעדן געטאָ.

ביבליאָגראַפיע פון ביכער, בראָשורן און אַרבעטן
וועגן אַלאַ גאָלאָמב־גרינבערג

יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען (חורבן וואַרשע), **פאַרלאַג דאָס פוילישע ייִדנטום, בוענאָס איירעס, 1948** (ז׳ ז׳ 289, 298, 300, 301, 302, 363, 371, 373).

יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פארן לעבן, **פאַרלאַג דאָס פוילישע ייִדנטום, בוענאָס איירעס, 1949** (ז׳ ז׳ 235, 260).

פנקס מלאַווע — **ארויסגעגעבן: „וועלט־פאַרלאַג מלאַווער ייִדן״** (ז׳ ז׳ 121, 316).

עמנואל רינגעלבלום — כתבים פון געטאָ, **נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ, פאַרלאַג „ייִדיש בוך״, וואַרשע 1952.**

יונאַס טורקוב — „הפעולה להצלת ילדים מגיטו ורשה״, **בספר קיבוץ לוחמי הגיטאות 1968.**

יונאַס טורקוב — „היה היתה ורשה יהודית״. **מהוצ. „חנוך ותרבות״, ת״א, 1968**

„פצצות ועכברים״, **תרגם מכ״י פולני ד״ר פרץ נוף בהוצאת נ.טברסקי, ת״א, תשט״ו— 1955**

Jonas Turkow — O REFLEXO REVISTA DA JUVENTUDE ISRAELITA BRASILEIRA, S. PAULO, Abrill-Maio 1949

Ludwig Hirszfeld — HISTORIA JEDNEGO ZYCIA, Czytelnik, Warszawa 1946 (310).

Bibliography of Yiddish books on the Catastrophe and Heroism, Bibiliographical Series No. 3, New York — 1962.

Jonas Turkow — EL LEVANTAMIENTO DEL GHETTO DE VARSOVIA — Editado del Congreso Judio Mundial (Executivo Sudamericano), Buenos Aires, 1968 (9)

Jonas Turkow — The WARSAW GHETTO UPRISING — On the 25th Anniversary of the Warsaw Ghetto Uprising-World Jewish Congress, London, April 1968 (16).

Mina Tomkiewicz — BOMBY I MYSZY.

Luba Blum Bielicka — Szkola Pielegniarstwa przy szpitalu Starozakonnych w Warszawie (1923—1943), Biuletyn Zydowskiego Instytutu Historycznego No. 40/61.

Jonas Turkow — Emanuel Ringelblum — Editado del Congreso etc. Judio Mundial, Buenos Aires, 1969.

Luba Blum — Bielicka — Ala Gołąb-Grynbergowa "Pielęgniarka i Położna", Czaspismo Związku zawodowego Pracowników służby zdrowia — 1960. Maj. No. 5 (19), Warszawa.

רשימה פון די בילדער

1. די שוועסטער גאָלאָמב, אַלאַ און באַשע, זיצן אין דערמיט — פון מלאַווער אַרכיוו

2. אַ גרופּע מלאַווער פּריינט. אַלאַ גאָלאָמב זיצט אין דער ערשטער ריי — פון מלאַווער אַרכיוו

3. די אַנדערע זייט פון דער פאָטאָגראַפיע. אַלאַ גאָלאָמבס אונטערשריפט פּעלט — פון מלאַווער אַרכיוו

4. מלאַווע, דער אַלטער מאַרק, 1941, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — פון מלאַווער אַאַרכיוו

5. מלאַווע, דער אַלטער מאַרק, 1940, דעצעמבער, אין דער צווייטער וועלט־מלחמה: "ווישעדלעניע"־אויסזידלונג.

פון בוך:

"Męczenistwo, Walka, Zagładą Żydów w Polsce 1939—1945"

אַרויסגעגעבן דורך:

Wydawnictwo Ministerstwa Obrony Narodowej, 1960

אין בוך בילד נומ. 60.

טעקסט איבערן בילד:

"לויט אַ טעלעגראַמע, איבערגעשיקט פון געסטאַפּאָ אין לאָדזש: דעם 7.12.40, צו דעם הויפּטרייך־אַמט פאַר זיכערהייט אין בערלין און צו אַנדערע הויכע אַמטן, גיט מען איבער, אַז דעם 16־טן דעצעמבער 1940 איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט פון 1000 יידן קיין לאָדזש און פון דער איבערזידלונג קיין לובאַרטאָוו, לובלינער געגנט. די יידן שטאַמען פון מלאַווע און אומגעגענט".

6. שוועסטער־שולע ביים יידישן שפּיטאָל אין וואַרשע („טשיסטע").
דער ערשטער יאַרגאַנג. 1923.
אַלאַ גאָלאָמב שטייט די פינפטע פון לינקס.
באַקומען פון דער געוו. קראַנקן־שוועסטער גוטאַ שפּירא־באָסטאָווסקי, נתניה

7. קראַנקן־שוועסטער נאָכן באַקומען די דיפּלאָמען, 1925.
וואַרשע — טשיסטע.
אַלאַ גאָלאָמב קניט, אין דער ערשטער שורה רעכטס.
באַקומען פון דער אויבן דערמאָנטער.

8. אַלאַ גאַלאָמב און איר פריינדין גוטא שפּירא־האסטאוואסקי
פאַר דער געביידע פון דער קראַנקן־שוועסטער־שולע ביים שפּיטאָל „טשיסטע",
אין וואַרשע, 1935.
באַקומען פון דער אויבן דערמאָנטער.

9. די געביידע פון דער קראַנקן־שוועסטער־שולע, פאַרברענט דורך די נאַציס.
פון אַ ביולעטין פון יידישן היסטאָרישן קאָמיטעט אין וואַרשע, אין פּויליש,
נומ. 40/61 אילוסטראַציע צו אַ סעפּאַראַט פון לובא בלום־ביעליצקא, וואַרשע:
Szdoła Pielęgniarstwa przy Sapitadu Starozakonnych w Warszawie (1923—1943)
באַקומען פון דער קראַנקן־שוועסטער אידאַ וויסאָצקי, תל־אביב

10. פון בוך
Męczeństwo, Walka, Zagłada Żydów w Polsce 1939—1945
בילד נומ. 26
סעפּטעמבער 1939. דער אויפשריפט:
"Wir fahren nach Polen um Juden zu versohlen"

11. די מויער אין וואַרשעווער געטאָ, דורך וועלכער מ'האָט געשמוגלט 1941
פון דעם זעלבן בוך, בילד נומ. 124

12. הונגער־קראַנקע קינדער
פון בוך:
"Badania Kliniczne nad głodem, wykonane w Getcie Warszawskim, z roku 1942". Warszawa, 1946
American Joint Distribution Committee.

13. הונגער־קראַנקע קינדער פון דאָרט

14. טעקסט פון אַ נאַצישער באַקאַנטמאַכונג אין יעדן געטאָ, פון בוך
Męczeństwo, Walka, Zagłada Żydów w Polsce 1939—1945
בילד נומ. 251

15. אַלאַ גאַלאָמב אין וואַרשעווער געטאָ, 1942.

16. וואַרשע. דער אומשלאַגפּלאַץ, ליידיק

17. וואַרשע. דער אומשלאַגפּלאַץ מיט יידן פאַר דער אויסזידלונג.
יולי־אויגוסט 1942.
פון דעם אויבן דערמאָנטן בוך, בילד נומ. 230

18. קינדער אין אַ פּליטים־הויז. פון בוך:
'Das Dritte Reich und die Juden", Dokumente und Aufzätze
Leon Polakof — Joseph Wulf, Verlag Gmbh, Berlin — Grunwald 1955

19. דער וואַגאָן, וואָס פירט קיין טרעבלינקע. פון בוך:

Treblinka

Published by the Council for Protetion of Fight and Martyrodom Momuments Warszawa — Poland.

20. וואַרשע — דער אומשלאַגפּלאַץ; מען טרייבט די ייִדן אין די וואַגאָנען אַריין.

"Der Gelbe Stern"

Die Judenvervolgung in Europa 1933 bis 1945

Gerhard Schoenberner

Bertelsmann Sachbuchverlag

Gütersloh 1968.

אינהאַלט

פאָרוואָרט פון יאָנאַס טורקאָוו 7
לידער פון אַלאַ גאָלאָמב 9
מלאַווע 12
וואַרשע 17
די ערשטע יידישע אַנטשטאַלט פאַר פלעגעריגס 19
אַלאַ'ס פּיאָנערישע אַרבעט אויפן געביט פון קינדער־פלעגע . . . 24
מלחמה 32
די דייטשן אין וואַרשע 37
געטאָ 40
אַלאַ גאָלאָמב — הויפּט־קראַנקנפלעגערין פון וואַרשעווער געטאָ . 42
200 גערטנדלעך פאַר די געטאָ־קינדער 47
הונגער און טיפוס — הויפּטמאָטיוו פון טאָגטעגלעכן לעבן . . 49
פאַרש־אַרבעט וועגן הונגער — צוואה פון יידישן געטאָ־דאָקטאָר . 52
אַלאַ גאָלאָמב גרויסע רעטונגס־אַקציע אויפן אומשלאַגפּלאַץ . . 56
אַלאַ —ביים איינאָרדנען יידישע קינדער 62
ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ 70
אַלאַ גאָלאָמבס מאַרטירער־טויט 75
ביבליאָגראַפיע 81
קוועלן פון די בילדער 83

בזה ניתנת לך הזכות
לענידת
אות הלוחם בנאצים

י. עמיר
ראש אגף כוח אדם
יו"ר הועדה

כ"ז ניסן תשכ"ז 7 במאי 1967

משרד הביטחון
אגף כוח אדם

4359 *

שם משפחה: גינברג - גולומב

שם פרטי: אלה ז"ל

שם האב: משה

מס' זהות: 0593681

מדינת ישראל